YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv05i01

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 5 Issue 1
January 1923

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 5, Iss. 1)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/257

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)

אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזן.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

PRICE 3 CENTS

Vol V. No. 1. — New York, Friday, January 5, 1923. — פרייטאג, 5טען יאנואר, 1923

דריטער פערטעל-יעהרליכער מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד

דער מיטינג עפענט זיך מאנטאג אין דער פריה, דעם 8טען יאנואר, אין מאנטרעאל, קענעדע. — פרעזידענט שלעזינגער און סעקרעטער בארא האבען פארצולעזען אינטערעסאנטע באריכטען פון דער טעטיגקייט אין אונזער יוניאן.

דער דריטער פערטעל-יעהרליכער מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, זינט די לעצטע קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל אין קליוולאנד, וועט זיך עפענען מאנטאג אינדערפריה, דעם 8טען יאנואר. דער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען אין ווינדזאר האטעל, מאנטרעאל, קענעדע.

זינט דעם צווייטען פערטעל-יעהרליכען מיטינג, וואס איז אפגעהאלטען געווארען לעצטען מאנאט אויגוסט אין עדזשמיר, לאנג איילאנד, האבען זיך אנגעקליבען א סך וויכטיגע פראגען און פאסירונגען, וועלכע דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט דארפען גאנץ גענוי באטראכטען אויף דעם איצטיגען מיטינג. דער באארד וועט דאס מאל אויך דארפען ארויסגעבען ענטשיידונגען איבער א צאהל גאנץ וויכטיגע פראגען, און דער מיטינג וועט געדויערן ארום א וואך צייט.

אין דער צווישען-צייט פון דעם לעצטען פערטעל-יעהרליכען מיטינג און דעם איצטיגען, האבען זיך אנגעפאנגען ארגאניזאציאנס-קאמפיינס אין איינזיגע שטעדט איבער'ן לאנד. אין איינזיגע שטעדטלאך אין ניו דזשוירזי, אין ברידזשפארט, אין פילאדעלפיע, אין באלטימאר, אין טאראנטא און מאנטרעאל, קענעדע, ביי אונז אין ניו יארק גופא און אפילו אין לאס אנדזשעלעס, קאליפארניא. און סעקרעטער בארא וועט אפגעבען א באריכט וועגען די אלע ארגאניזאציאנס-קאמפיינס, וואס עס איז שוין אין דער הינזיכט געטאן געווארען; און וואס מען דארף נאך טאן.

פרעזידענט שלעזינגער האט פארצולעזען א באזונדער באריכט וועגען דעם ארגאניזאציאנס-טור, וואס ער האט געמאכט אין דער לעצטער צייט איבער'ן לאנד. ער וועט אויך האבען צו דערצעהלען וועגען דעם צוזאמענשטויס צווישען איהם און מר. באסעט, דער פארשטעהער פון די קלאוק-מאנופעקטשורערס פראטעקטיוו אסאסיאיישאן ביי דעם „קלאוק וויידזש קאמישאן", וואס האט געפיהרט צו דעם, דאס

(שלוס אויף זייט 16)

קלאוק אגרימענט אין קליוולאנד באנייט פאר נאך א יאהר

דער נייער אגרימענט ענטהאלט איינזיגע וויכטיגע מאדיפיצירונגען צו גונסטען די ארבייטער.

לעצטען שבת און זונטאג האבען זיך דא אין ניו יארק פארענדיגט די קאנפערענצען צווישען דער קליוולאנד קלאוקמאכער יוניאן און די מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, וועלכע האבען זיך געצויגען פאר א לענגערע צייט.

אויף דער קאנפערענץ זיינען געווען פארטראטען ביידע צדדים צוזאמען מיט'ן באארד און רעפערים, באשטעהענד פון דזשארדזש וו. מעק, פראפ. האלענדער און דזש. ר. מעקליין.

און די קאנפערענצען האבען געבראכט רעזולטאטען, — דער אגרימענט אין טרייד, — פון וועלכען די באלעבאטים האבען זיך געוואלט פריהער אפווארפען, איז באנייט געווארען פאר א יאהר צייט, מיט איינזיגע וויכטיגע מאדיפיצירונגען צו גונסטען די ארבייטער.

ביים אויסארבייטען די פונקטען פאר דעם באנייטען אגרימענט זיינען אויך פארגעקומען שטרייטען אויף איינזיגע פונקטען, האבען די צוויי צדדים זיך ניט געקענט איינינגען, און דיזע פונקטען זיינען איבערגעגעבען געווארען צום באארד אוו רעפערים פאר אן ענטשיידונג. און די ענטשיידונגען האט דער באארד ארויסגעגעבען טאקע אויף די לעצטע צוויי זיצונגען, ביים שלוס-אקט פון די אלע קאנפערענצען.

אט זיינען איינזיגע פון די שטרייט-פונקטען, איבער וועלכע מען האט זיך ניט געקאנט איינינגען און זיי זיינען אי-

(שלוס אויף זייט 3.)

קלאוקמאכער יוניאן פאדערט צו אונטערזוכען פארדינסטען פון די ארבייטער

פרעזידענט שלעזינגער מאכט קלאר די פאדערונג אין א בריף צו די פראטעקטיוו אסס'ן. — ער צייגט אן ווי ניט ריכטיג עס האט געהאנדעלט דער אסס'נס פארשטעהער ביי דעם קלאוק וויידזש קאמישאן.

ווי אונזער לעזער ווייסען שוין, האט מר. באסעט, דער פארשטעהער פון די פראטעקטיוו אסאסיאיישאן אין דער „קלאוק וויידזש קאמישאן", געמאכט „אבסטרוקציעס", און דורך דעם ניט געלאזען דעם באארד אפילו אנפאנגען עפעס צו טאן אין דער זאך.

דער אגרימענט צווישען דער קלאוקמאכער יוניאן און די פראטעקטיוו אסאסיאיישאן שרייבט פאר, דאס א קאמיסיע זאל אונטערזוכען וויפיל א קלאוקמאכער ארבייט דורכ'ן יאהר און וויפיל ער פארדינט. אבער דער פארשטעהער פון דער אסאסיאיישאן, מר. באסעט, האט געוואלט ארייננשמוגלען אין דער קלאוק-אינדוסטריע א „סטענדארד און פראדאקשאן", און ער איז דורכאויס באשטאנען, דאס די קאמיסיע זאל אויך אונטערזוכען ו ו י פ י ל א ר - ב י י ט דער קלאוקמאכער האט געמאכט פאר'ן געלט, וואס ער האט באקומען.

פרעזידענט שלעזינגער, דער פארשטעהער פון דער יוניאן אין דער קאמיסיע, האט דאס בשום אופן ניט

(שלוס אויף זייט 16).

לאקאל 10 בעאמטע ווידער ערוועהלט מיט א גרויסער מאיאריטעט שטימען

לעצטען שבת זיינען פארגעקומען וואהלען פאר באאמטע אין דער קאטערס יוניאן, לאקאל 10, און וועגען די וואהלען האט מען זיך געקאכט ניט ווייניגער ווי וועגען די וואהלען אין די אנדערע לאקאלס. די „לינקע" האבען ארויסגעלאזען איין ליפלעט נאכ'ן אנדערען, מיט פארשיידענע „שרעקליכע" מעשיות וועגען די אלטע באאמטע, וועגען דער אדמיניסטראציע פון דעם לאקאל, און געמאכט א „שטארקען" אפיל צו ערוועהלען „זייערע" מענשען.

נאטירליך, עס איז זיי אויך צו הילף געקומען די „פרייהייט" מיט איהר משטיינס-געזאגטער „אגיטאציע". אבער דאס אלץ האט געהאלפען ווי א טויטען באנקעס! די קאטערס נעהמען ניט קיין בלאפס. זיי זיינען לעצטען שבת אין די גרויסע מאסען געקומען שטימען און האבען מיט א גרויסע מאיאריטעט ווידער ערוועהלט די אלטע אדמיניסטרא-ציע, צו וועלכער זיי האבען דעם פולסטען צוטרויען.

דער קאטערס לאקאל 10 האט א פארוואלטונג פון דריי דיוויזשאנס: די קלאוק-דיוויזשאן, די וויסט און דרעס-דיוויזשאן און אן אלגעמיינע דיוויזשאן פון די קלענערע ברענטשעס אין דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע. ארום און ארום, באצאהלטע און ניט-באצאהלטע באאמטע, אין די אלע דריי דיוויזשאנס זיינען דא 40 באאמטע, און פון דער גרויסער ליסט האבען די „לינקע" ניט ערוועהלט אפילו איין פערזאן. אין אלע דריי סעקציעס האבען זיי קוים געצויגען א וואסערע 300 שטימען, וועהרענד די אדמיניסטראציע האט באקומען איבער 800 שטימען. וויס-פרעזידענט דייוויד דובינסקי איז מיט פולען צוטרויען ווידער ערוועהלט געווארען אלס דזשענעראל מענעדזשער פון לאקאל, און מיט איהם זיינען ערוועהלט געווארען אלע „רעכטע".

די פרויען ארבייטער אין אונזער אינדוסטרי קומען צום ווארט

צווישען די מיטגלידער פון אונזערע מיידעלשע יוניאנס ווערט איצט באזונדערס לעבעדיג.

ווען די שורות ווערען געשריבען, מיטוואך, דעם 3טען יאנואר, ציהען זיך שורות פון די מיטגלידער, פון די לאקאלס פון דזשאינט באארד פון דער וויסט און דרעסמאכער יוניאן, ביי די פלעצער, וואו עס ווערט געשטימט דער רעפערענדום וועגען וואך-ארבייט. די באסעס פון מאנכע וויסט און דרעס-שעפער האבען געפונען פאר נויטיג צו האלטען „ספיטשעס" אין די שעפער, און זיי האבען געווארענט די ארבייטער ניט צו שטימען פאר וואך-ארבייט.

אודאי, די באלעבאטים ווילען ניט קיין וואך-ארבייט. און אט די נארישע „אגיטאציע" פון די באלעבאטים וועט זיכער האבען די ווירקונג, אז די ארבייטער וועלען דווקא יא שטימען פאר וואך-ארבייט. די באלעבאטים האבען געמיינט פארשטעהן, אז די ארבייטער וועלען זייער עצה ניט אננעהמען. קורץ, עס שמעקט מיט קאמף!

צום קאמף גרייטען זיך אויך די ווייט-גודס ארבייטער פון לאקאל 62, די טשילדרענס דרעסמייקערס פון לאקאל 50 און די בעטה-ראוב ארבייטער פון לאקאל 41. צוזאמען איז עס א גאנץ היבשע ארמעע.

פרעזידענט שלעזינגער מיט סעקרעטאר בארא זיינען איצטער פארנומען מיט העלפען אט די מיידעלשע יוניאנס זיך צוגרייטען פאר'ן קאמף, וואס עס שטעהט זיי פאר, צו פארבעסערן די לאגע אין די שעפער, וואו דיזע ארבייטער זיינען באשעפטיגט. און אט דער קאמפיין וועט נאך ווערען א סך לעבעדיגער, ווען אונזערע דזשענעראל באאמטע וועלען זיך צוריקקערען פון דעם פערטעל-יעהרליכען מיטינג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל, וואס עפענט זיך מאנטאג אינדערפריה אין מאנטרעאל, קענעדע. דארט אויפ'ן טאגעס-ארדנונג וועלען טאקע זיין אט די פארבערייטונגען, וואס ווערען געמאכט ביי די מיידעלשע יוניאנס, און דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט זיך זיכער נעהמען צו דער ארבייט צו העלפען זיי מיט ראט און טאט.

אינהאלט-פארצייכנים

„גערעכטיגקייט" נומער 1

זייט 2. די וואך — נ. ש.

זייט 3. די קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1 — ב. שעהן.

זייט 4. געדאנקען וועגען ארבייטער בילדונג צום נייעם יאהר — פאניא מ. קאהן. אין דער ריפערמאכער יוניאן לאקאל 17 — דזש. העלער.

זייט 5. דער אינדעפענדענט און ריפער דעפארטמענט פון דער קלאוקמאכער יוניאן — א סטעף רעפארטער. מעדיצינישע פראגען און ענטפערס — דר. דזשארדזש מ. פרייס.

זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען.

זייט 7. די וועלט אין וועלכער מיר לעבען — קיופעק. איבערזעצט פון ש. יאנאווסקי.

זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.

זייט 9. צו דער נאמפערס און בעקער דעבאטע. — ש. יאנאווסקי.

זייט 10. צו פארבעסערן דער וועלטס עקאנאמישע לאגע — ב. מימאן. קורץ און שארף — י. ב. ג.

זייט 11. די „רויטע" טרייד-יוניאנס אין רוסלאנד — פ. ראן.

זייט 12. „פיקטאריום" (ערצעהלונג) — י. אפאטאשו. אין וואגאן (געדיכט) — אברהם רייזען. גייעאהר נעדאנקען — אב. באראף.

זייט 13. קורצע שמועסען. געזונדהייטס-פראגען.

זייט 14 און 15. אדווערטייזמענטס.

זייט 16. די קלאוקמאכער אין באלטימאר באפעסטיגען זייער יוניאן — הערמאן בערנשטיין. שלוסען פון זייט 1.

אינטערעסאנטע לעקטשורס

אינטערעסאנטע, וויכטיגע לעקטשורס ווערען געהאלטען יעדען דאנערשטאג אווענט אין אודיטאריום פון אונזער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט.

דאנערשטאג אווענט, דעם 11טען יאנואר, א לעקטשור פון לואיס גאטליב, פון דער „נעשאנאל אינדאסטריאל קאנפערענס באארד." ער וועט רעדען איבער „דער אינטערנאציאנאליזם פון קאפיטאל און פינאנץ אין שייכות צו דער ארבייטער לאגע."

איינטריט פריי.

ביי די אמת'ע באלעבאטים — נום. 48, זייט 6.

פיינבערג, סעם: וועגן אן אפגעבראכענעם מיטינג פון לאקאל 9 — נום. 42, ז. 6.

פיינבערג, כ.: געכאפט די „פרייהייט" ביי א ליגען — נום. 30, זייט 6.

פארבער, ירחמיאל: וועגן א לייבאריבירא און אן ארבייטסלאזען פאנד — נום. 20, זייט 6.

פרעי, רוזאלין ס.: ארבייטער בילדונג — נום. 15, זייט 12.

פרוכטער, ה.: יעהרליכער קאנפערענץ פון דער נאציאנאל־ווייד ליג — נום. 9, זייט 6.

צ

צינקין, כ.: אויפ'ן הארטאן — נום. 3, זייט 7; שטיק אדער וואך־ארבייט אין דער דרעס־אינדוסטריע — נום. 9, זייט 3; א שטילער פארטנער — נום. 11, זייט 7; רחמיאל — נום. 13, זייט 7; 1014 — נום. 30, זייט 7.

ק

קורצע ישכיועסען: נום. 1, זייט 13; נום. 2, זייט 12; נום. 3, זייט 12; נום. 4, זייט 12; נום. 5, זייט 12, נום. 6, זייט 12 און 13; נום. 7, זייט 13; נום. 8, זייט 13; נום. 9, זייט 13; נום. 10, זייט 13; נום. 11, זייט 13 נום. 12, זייט 13; נום. 13, זייט 13; נום. 14, זייט 13; נום. 15, זייט 13; נום. 16, זייט 13; נום. 17, זייט 14; נום. 18, זייט 13; נום. 19, זייט 13; נום. 20, זייט 13; נום. 21, זייט 13; נום. 22, זייט 13; נום. 23, זייט 13; נום. 24, זייט 13; נום. 25, זייט 13; נום. 26, זייט 13; נום. 27, זייט 13; נום. 28, זייט 13; נום. 29, זייט 13; נום. 30, זייט 13; נום. 31, זייט 13; נום. 32, זייט 13; נום. 33, זייט 13; נום. 34, זייט 13; נום. 35, זייט 13; נום. 36, זייט 13; נום. 37, זייט 12; נום. 38, זייט 12; נום. 39, זייט 12; נום. 40, זייט 12; נום. 41, זייט 13; נום. 42, זייט 12; נום. 43, זייט 12; נום. 44, זייט 13; נום. 45, זייט 13; נום. 46, זייט 13; נום. 47, זייט 13; נום. 48, זייט 13; נום. 49, זייט 13; נום. 50, זייט 12 און 13; נום. 52, זייט 11.

קאפלאן, א.: די „נייע ווינטען" אין אונזער יוניאן — נום. 17, זייט 8.

קאהאן, אב.: באגריסונג צו דער אינטערנעשאנאל צום ערשטען מאי — נום. 17, זייט 1.

קוויטירונגען פון קלאוק־שעפער פאר דעם האיאס: נום. 11, זייט 5; נום. 12, זייט 6; נום. 13, זייט 6; נום. 14, זייט 6; נום. 15, זייט 6; נום. 18, זייט 13; נום. 20, זייט 14; נום. 21, זייט 6; נום. 22, זייט 14; נום. 23, זייט 6; נום. 27, זייט 7.

קאהן, פאניא מ.: געדאנקען וועגן ארבייטער־בילדונג צום נייעם יאהר — נום. 1, זייט 4; דינסטאג און מיטוואך, 6טען און 7טען פעברואר — נום. 8, זייט 3; וואס זאל מען טאן אין אונזערע פרייע שטונדען? — נום. 12, זייט 4; ערשטע מאי געדאנקען — נום. 17, זייט 7; ווידער א יום־טוב אין דער יוניטי הויז — נום. 27, זייט 11; די טרייד יוניאן באוועגונג אין ענגלאנד האט זיך פארשאפט כבוד — נום. 40, זייט 4.

קארלין, א.: וועגן א געפיקסטען סטאנדארד אין פראדאקשאן — נום. 22, ז. 6; וועגן גרויסע און קליינע שעפער — נום. 15, זייט 6.

קארמאן, דר. ה. י.: די פאליטישע און סאציאלע געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאאטען — זייט 4: נום. 13, נום. 15, נום. 16, נום. 18, נום. 19, נום. 21, נום. 22, נום. 24, נום. 25, נום. 26, נום. 28, נום. 29, נום. 30, נום. 31 און נום. 32.

קאהען, א.: דער אמת וועגן דעם מיטינג פון לאקאל 9 — נום. 40, זייט 6.

קאפעק, קארל (אידיש פון ש. יאנאווסקי): די וועלט אין וועלכער מיר לעבען — נום. 1, זייט 7; נום. 2, זייט 6 און 7.

קלאסעל, ב.: וואס איז פארט צו טאן? — נום. 31, זייט 5.

קופער, מ.: וועגן דער פאראייניגונג פון די דרעסמאכער לאקאלס — נום. 23, ז. 6.

קאפאלד, סילוויא: א קורס אין עקאנאמיע אין דער ארבייטער באוועגונג — זייט 4: נום. 33, 34, 35, 36, 37, 39, 41 און 52.

קריינדלער, טשארלס: אלערליי פון קליוולאנד — נום. 29, זייט 16; ביי די קלאוק מאכער אין קליוולאנד — נום. 46, ז. 6.

קוירטצמאן, נ.: א שטימע פון אן עקזעקוטיוו באארד מעמבער פון לאקאל 9 — נום. 44, זייט 6.

קיסמאן, דר. י.: דער זעלבסטמארד פון דער רומענישער יוניאן באוועגונג — נום. 42, זייט 10.

קיפנעס, מאקס: אבער פון וואס וועט מען מאכען א לעבען? — נום. 28, זייט 6.

קארפ, נארעל: איז באגייסטערט פון דעם שעהנעם אפים פון זיין יוניאן — נום. 28, זייט 6.

ר

רעדאקציאנעלע נאטיצען (פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל): 1922 פאר דער ארבייטער־באוועגונג בכלל און פאר דער אינטערנעשאנאל בפרט; „גערעכטיגקייט"; די וועלט אין וועלכער מיר לעבען — נום. 1, זייט 8 און 9. פאליטיקס פון דער „פראטעקשאן"; נאך א יאהר פרידען אין דער קלאוק־אינדוסטריע אין קליוולאנד; דער מיטינג פון גענעראל עקזעקוטיוו באארד אין מאנטרעאל — נום. 2, זייט 8. ווארען ב. שלעזינגער האט זיך אפגעזאגט פון זיין אמט אלס פרעזידענט; די ספעציעלע קאנווענשאן — נום. 3, זייט 8. פאר א גרויסער טעטיגקייט זיינען נויטיג גרויסע מיטלען; דער דזשאבער און זיין פאראנטווארטליכקייט; די אויסגעצייכנעטע ארבייט פון דעם אוט אוו טאון דעפארטמענט — נומער 4, זייט 8. א ווארט צו די ארבייטסלאזע; א ווארט צו די וועלכע האבען ארבייט; די מעגליכקייט און ווינשענסווערטקייט פון א נאציאנאלער פארבאנד — נומער 5, זייט 8 און 9. אונזער ספעציעלע קאנווענשאן; די אינטערנעשאנאל קעמפט אויף פילע פראנטען; דער סטרייק פון מיללינערי דרעססמייקערס; דער סטרייק פון די קלאוקמאכער אין פילאדעלפיע; א וויכטיגער בוך פאר ארבייטער — נומער 6, זייט 8 און 9. דער סטרייק פון די דרעסמאכער; דער סטרייק פון די מיללינערי דרעססמייקערס; דער סטרייק פון די קלאוקמאכער אין פילאדעלפיע און אנדערשוואו; די חילוק־אונטערמייער דעבאטע — נומער 7, זייט 8 און 9. פרעזידענט זיגמאן; דער אנפאנג פון סוף אין דרעסמייקערס סטרייק אין ניו יארק; די לאגע אין דעם סטרייק פון די מיללינערי דרעססמייקערס; נייע סטרייקס אויף דעם האריזאנט פון דער אינטערנעשאנאל; א ווארט וועגען דער נויטיגקייט פון אן ארבייטסלאזען אינשורענס פאנד אין אונזער יוניאן — נומער 8, זייט 8 און 9. דער זיג פון דעם דרעסמאכער סטרייק; דער קאמף פון די ליידיס ווייסט מייקערס אין פילאדעלפיע; דער בעפארשטעהענדער סטרייק פון די וואשייגודס ארבייטער — נומער 9, זייט 8 און 9. די אומבאשטימטע לאגע אין דער פילאדעלפיער דרעס און ווייסט אינדוסטריע; א פעהלער, וואס מוז גלייך פארריכט ווערען; דער וואונדערבארער זיג פון די קלאוק־ און דרעס־מאכער אין באסטאן; אדיע, דזשאדזש מעק — נומער 10, זייט 9. דער סטרייק פון די פילאדעלפיער דרעססמייקערס; דער קומענדער קאמף פון די וואשייגודס ארבייטער; ביזי — איז טאקע די צייט צו באפעסטיגען אונזער יוניאן — נומער 11, ז. 8. דער סטרייק פון די פילאדעלפיער דרעסמאכער געענדיגט; דער נייער דזשאבינג דעפארטמענט פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן; דער סטרייק פון די וואשייגודס ווארקערס — נום. 12, זייט 8 און 9. דער סטרייק און דער זיג פון די וואשייגודס ארבייטער; די רעארגאניזאציע פון לאקאל 3 — נומער 13, זייט 8 און 9. דער איבעל פון צופיל סטרייקס; די פאשיסטישע פעסט אין אמעריקא — נום. 14, זייט 8. די פריווילעגיע וויידזש־הערונג; טרייד־יוניאנס אלס באנקירען; די שטער־גייסטער אין אונזערע יוניאנס; צו דער דריטער יעהרליכער קאנווענשאן פון דער „וואירקערס עדיוקיישאן ביורא" — נומער 15, זייט 8 און 9. אויך גאמפערס מעג זיין אמאל אומגערעכט; דער מינימום וויידזש סקייל פאר פרויען במול געמאכט פון סופרים קאורט — נומער 16, זייט 8. דער יום־טוב פון ארבייטער־אייניגקייט; דער גייסטער אויפטו פון דער אינטערנעשאנאל; די אייגענע חיים פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן; דער אינטערנעשאנאל קאלענדאר — נומער 17, זייט 10. אונזער גראטולאציאן צו אונזערע שוועסטער און ברידער אין דער קלאוק־אינדוסטריע פון קליוולאנד; צו דער פאראייניגונג פון די לאקאלס 41 און 50; לאקאל 66 פייערט זיין 10־יעהריגען געבורטס־טאג — נומער 18, זייט 8. ווי דער ערשטער מאי דארף געפייערט ווערען; אונזער ארגאניזאציאנס־ארבייט אין דער וועסט; דער סם פון אפען־שאפ אין סאן פראנציסקא; אונזער גראטולאציאן צו אונזערע שוועסטער אין ברידזשפארט; אויף דער אינסטאליישאן פון די באאמטע פון לאקאל 89 — נום. 19, זייט 8 און 9. די ווארשאווסקי טראגעדיע; דער ענגלישער ארבייטער אלס פארהיטער פון מלחמה; די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל — נומער 20, זייט 8 און 9. א געפאהר וואס טאר ניט אונטערשעצט ווערען; שטילע אבער גרונטאווע ארבייט אין אונזער אינטערנעשאנאל; נאך אן אייגענע נעסט פאר יוניאניזם; סעקרעטער באראף ווידער אין אפיס — נומער 21, זייט 8 און 9. די פארשקלאפטע קלאוק מאנופעקטשורערס פון סאן פראנציסקא; צו דער פייערונג פון דעם 10־יאהריגען רעליף־יובילעאום פון לאק. 35; א פאר ווערטער וועגען דער לאגע פון די קלאוקמאכער אין מאנטרעאל; דער דזשאינט באארד פון פילאדעלפיע רעפרעזענטירט ניט די יוניאן — נום. 22, זייט 8 און 9. לינקע עקאנאמיע; א קורצע אלגעמיינע באטראכטונג איבער דער ראליע פון א יוניאן־מענעדזשער; א ווארט וועגען דעם סאניטאריום אין לאס אנדזשעלעס — נומער 23, זייט 8 און 9. דער זיג פון די קלאוקמאכער אין סאן פראנציסקא; פרעזידענט זיגמאן פסק'ענט א וויכטיגע שאלה; צו דער ערעפענונג פון די יוניטי הייזער פון אונזער אינטערנעשאנאל — נומער 24, זייט 8 און 9. פוסטע באריכטען פון דער אינדאסטריעל אסס'ן פון סאן פראנציסקא; אלץ חייסט א יוניאן — נומער 25, זייט 8 און 9. דער קלאוקמאכער סטרייק אין באלטימאר; דער סופרים קאורט פסק געגען דעם אינדאסטריעל קאורט אין קענזעס; מאריס ראזענפעלד — נומער 26, זייט 8 און 9. פרעזידענט הארדינג אנטפלעקט זיך אלס דער רעטער פון דער ארבייטער־באוועגונג; די יוניטעד מיין וואירקערס און די קאמוניסטען — נומער 27, זייט 8 און 9. א פאר ווערטער וועגען סאן פראנציסקא; דער סטרייק און זיג פון די באטאן־ארבייטער; די קינדער־שקלאפעריי און די סוועט שאפ מגפה אין דזשוירזי סיטי; געריזאגט שוין ווידער צו — נומער 28, זייט 8 און 9. קרעדיט צו לאקאל 66; א משיקאגאער קבלת פנים פאר פרעזידענט זיגמאן; אונזערע סטרייקס — נומער 29, זייט 8 און 9. קלאוקמאכער פון באלטימאר געווינען זייער קאמף; דער שיקאגא'ר אינדזשאנקשאן געגען דער אינטערנעשאנאל; דר. ל. לעווין'ס געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל און זיין בקשה צו די לעזער — נומער 30, זייט 8 און 9. יוניאנס און פאליטיקס; א פאר ווערטער צו די קלאוקמאכער פון טאלידא; נייע ארגאניזאציאנס־ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל; א ווארט וועגען דער יוניטי הויז אין פארעסט פארק — נומער 31, זייט 8 און 9. אונזער ברכה צו דעם ניי געשאפענעם דזשאינט באארד פון קלאוק און דרעס־מאכער; דער לעסאן פון די וואהלען אין דער קלאוקמאכער יוניאן פון פילאדעלפיע; קליינע באסעס אין רעוואלט געגען די גרויסע — נומער 32, זייט 8 און 9. אונזערע שונאים פון דרויסען און פון אינעווייניג; א קאב מאנופעקטשורינג סטרייק אויסגעמידען; נאך א יאהר פרידען גאראנטירט אין דער קלאוק־אינדוסטריע אין באסטאן; דער משוגע'נער קאמף פון די דרעס מאנופעקטשורערס אין שיקאגא — נום. 33, זייט 8 און 9. די גאנצע וועלט איז א געפענגניס; די דזשאבערס אונטער קאנטראל; דער סטרייק פון די רייןקאוט מאכער אין באסטאן; עהרענווערדיגע געסט — נומער 34, זייט 8 און 9. איניגע געדאנקען וועגען דעם מיינער־סטרייק; דער יוניאן פיהרער און זיינע פליכטען; רייןקאוט־מייקערס אין באסטאן פאלשטענדיג זיגער; א וויכטיגער בוך ווערט צו לייענען — נומער 35, זייט 8 און 9. ווער האט געשאסען אויף פאסטער'ן? — נום. 36, זייט 8 און 9. דער נאדעל ארבייטער פארבאנד אין אמעריקא; א ווארנונג איידער עס איז צו שפעט; פאסטער דער ליגנער — נומער 37, זייט 8 און 9. אמאלגאמיישאן — נומער 38, זייט 8. פריווילעגיע טעטיגקייט אין דער יוניאן; דער קלאוקמאכער סטרייק אין לאס אנדזשעלעס; צו דער ערעפענונג פון דער א. פ. אוו ל. קאנווענשאן — נומער 39, זייט 8 און 9. וואס טרייד יוניאניזם באטייט; דער רעפארט פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער א. פ. אוו ל.; די מיטינג־ברעכעריי מוז אויפהערען; אונזער הערצליכע גראטולאציאן צו לאקאל 10 — נומער 40, זייט 8 און 9. א פאר ווערטער וועגען בילדונג פאר ארבייטער; טאטען רעדען העכער ווי ווערטער — נום 41, זייט 8. די מרידה פון לאקאל 9 געגען דער אינטערנעשאנאל; אונזער גראטולאציאן צו לאקאל 1; לאקאל 22 אויפ'ן וועג גענעזען צו ווערען; גאמפערס ווידער פרעזידענט פון דער א. פ. אוו ל. — נומער 42, זייט 8 און 9. אן איינדרוקספולער מיטינג; דער עהרען־אווענד פאר דעם ג. ע. ב. — נום. 43, זייט 8. אונזער נייע באנק־אונטערנעהמונג; די אויסגעשלאסענע מעמבערס און אונזערע שיקאגא'ר לאקאלס — נום. 44, זייט 8 און 9. פאסטער זוכט גוטברודערשאפט מיט גאנגסטער און מערדער; וואס אנדערע רעדען וועגען אונז — נום 45, זייט 8 און 9. א יישר כח צום דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און א דאנק די ליג־מעמבערס; פרעהליכע נייעס פון שיקאגא; צום אנפאנג פון עדיוקיישאנאל סיזאן — נומער 46, זייט 8 און 9. די אונטערדריקונג אין דער קלאוק־אינדוסטריע; עטוואס נאך אפגעדרונגען; לאקאל 9 בלייבט לאיאל — נומער 47, זייט 8 און 9. און איצט צו דער ארבייט; פאר וואס און פאר וועמען האבען מיר צו דאנקען? — נומער 48, זייט 8 און 9. יוניאן־פאליטיקס; די „אמעריקען פלען" געזעצליך באגראבען און באשטעטיגט; פערציג יאהר ארבייטער באוועגונג — נומער 49, זייט 8 און 9. דער ענגלישער ארבייטער אויף זיין מארש צום זיג; אלערליי ליגעס אין די יוניאנס; דיסטריקט קאונסילס פון אונזערע יוניאנס אין ניו יארק — נומער 50, זייט 8 און 9. דעמאקראטיע און פראקטיק־פאליטיק אויף דער טאג־ארדנונג אין רוסלאנד; דער הילף־געשריי פון דער דייטשער ארבייטער־באוועגונג; א זעלטען גוטער בוך פון א זעלטען גוטען מענשען — נומער 51, זייט 8 און 9; 1923 — א רעקארד־יאהר אין דער געשיכטע פון אונזער אינטערנעשאנאל; א אינסטאלליישאן פון יוניאן־באאמטע — נום. 52, זייט 8 און 9.

לייזען, אברהם (סקיצען און לידער): אין וואגאן — נומער 1, זייט 12; די וואס שאנדען ניט — נומער 3, זייט 7. וואו איז יושר? — נומער 6, זייט 7. אין פאריז — נומער 10, זייט 7; אליהו הנביא — נומער 13, זייט 7; דער פאסט־גען־טרעגער — נום. 17, זייט 9; אויפ'ן לייוועגס — נומער 19, זייט 7; שפעטער — נומער 24, זייט 7; דאס פארקעהרטע לעבען — נומער 27, זייט 7; דער פערד־מענש — נומער 30, זייט 7; חתנים — נומער 35, זייט 7; צוויי תקיעות — נום. 37, זייט 7; וואס גרויסע ריידען — נום. 40, זייט 11; עפאלעטען — נום. 42, זייט 7; א גאנצע נאכט — נומער 45, זייט 7; צום ריכטער — נומער 49, זייט 7; אין די רייכע גאסען — נום. 51, זייט 7.

ראזענפעלד, מאררים: דער ריכטער — נום. 26, זייט 7.

רייזבערג, הלל: דער אינטערנעשאנאל ארגאניזאציאנס־קאמפיין אין פילאדעלפיע — נומער 4, זייט 3.

ראזענפעלד, איידא: א רעפארט פון לאקאל 25 — נומער 42, זייט 7.

ראפאעל, ס.: א גערעכטע טענה — נומער 36, זייט 6.

ראטענבערג, א.: וועגן די צעטיילונג פון לאקאל 3 — נומער 5, זייט 6; וועגען אן ארגאניזאציאנס־דעפארטמענט — נום. 25, זייט 6.

ראזענבארג, ס.: איז דא א גרונט צו שפאלטען לאקאל 3? — נום. 7, ז. 3.

ריטש, סיימאן: וועגן א באשלוס פון לאקאל 20 — נומער 11, זייט 5.

רעמבאק, מ. וו.: מ'לערענט מיט א באס דרך ארץ — נומער 11, זייט 5.

ראדוצקי, א. (לידער): פונקט זיבען בארג — נומער 18, זייט 9; לידער — נומער 43, זייט 8; צום הימעל הויב איך אויף מיין בליק — נומער 50, זייט 11.

רובין, ד.: ביי די לעמפעל מאכער און קלאוק שניידער לאקאל 3 — נומער 33, זייט 3; נומער 35, זייט 2; וויכטיגע פאסירונגען אין דער לעמפעל מאכער יוניאן לאקאל 3 — נומער 38, זייט 7; נומער 42, זייט 4; נומער 46, זייט 3; נום. 50, ז. 6.

ראפאפארט, מ.: מיטינג פון דזשאינט באארד פון די שיקאגא קלאוק און דרעס־מאכער יוניאן — נומער 44, זייט 5.

ש

שווארץ, י. י.: אויף דעם וועג געהען פילע — נומער 20, זייט 9.

שמואלזאהן, מ.: זיין קאן (חנוכה־מעשה) — נומער 49, זייט 7.

שעהן, ב.: די קלאוק אפרייטארס יוניאן, לאקאל 1 — נומער 1, זייט 3; נומער 9, זייט 6; וויכטיגע פאסירונגען אין קלאוק אפרייטארס יוניאן לאקאל 1 — נומער 15, זייט 5; וואס קען דאך געטאן ווערען צו ענדיגען דעם כאאס אין קלאוק־טרייד — נומער 29, זייט 6.

שוסטערמאן, הערריי: א ווארט צו דער לינקער עקזעקיוטיוו פון לאקאל 9 — נומער 45, זייט 12.

שעהנהאלץ, י.: מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22 — נומער 2, זייט 5; נומער 4, זייט 5; נומער 15, זייט 3; נומער 18, זייט 5; נומער 19, זייט 3; נומער 21, זייט 3; נומער 23, זייט 5; לעצטער באריכט פון אלטען עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22 — נומער 25, זייט 3; אינסטאלירונג פון נייעם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 22 — נום. 27, זייט 4; נום. 28, זייט 3; נומער 29, זייט 3; דער מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22; נומער 30, זייט 5; נומער 31, זייט 5; נומער 32, זייט 3; נומער 34, זייט 6; נומער 37, זייט 6; נומער 38, זייט 4; נומער 40, זייט 3; וואס הערט זיך אין לאקאל 22? — נומער 47, ז. 3.

שעכטער, מ.: דריי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד פון דעם ווייסט און דרעס־פרעסער לאקאל 60 — נומער 5, זייט 2; מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד דרעס און ווייסט פרעסערס יוניאן לאקאל 60 — נומער 22, זייט 2; אינסטאליישאן מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד לאקאל 60 — נומער 23, זייט 2; א יאהר טעטיגקייט פון לאקאל 60 — נומער 24, זייט 5; לעצטער באריכט פון ווייסט און דרעס־פרעסערס לאקאל 60 — נום. 48, ז. 5.

שאווירא, נ.: די נויט — זייט 2: נום. 1, 2, 3, 4, 5, 6, 7, 8, 9, 10, 11, 12, 13, 14, 15, 16, און 17.

שלאסבערג, יוסף: א באגריסונג צום ערשטען מאי — נומער 17, זייט 3.

שובערט, יוסף: עדיוקיישאנאל טעטיגקייט אין מאנטרעאל — נומער 6, זייט 4.

שאבאל, א.: מען דארף ניט אויסשליסען די ליג־מענשען — נומער 48, זייט 6; וועגען דעם 6טען געבאט אין דער פראגראם — נומער 51, זייט 6.

ת

תלוש (ערצעהלונגען): מאדאם קארמיע — נומער 7, זייט 7; נומער 8, זייט 7; א פרעמדע — נומער 14, זייט 7; די משוגענע — נומער 148, זייט 7; ראמעא און דזשוליעט — נומער 25, זייט 7; לאנדסלייט — נומער 36, זייט 7; א חלום — נומער 43, זייט 7; צווישען קוסטען — נומער 47; א בוים — נום. 52, זייט 7.

קלאוק אפערייטארס יוניאן, לאקאל 1

די קלאוקמאכער זיינען שוין געוואוינט צו האבען קורצע סיזאנס און לאנגע סלעק־צייט. קיינמאל אבער האבען מיר נאך ניט געהאט אזא שלעכטע צייט, ווי מיר האבען דורכגעמאכט די לעצטע פאר סיזאנס.

מיר האבען אימער געהאט ארבייטסלאזע אין אונזער אינדוסטריע, דאס מיינט אזעלכע, וועלכע האבען קיין דזשאבס ניט. דאס איז געווען אין צייט פון סלעק און אויב עס האבען זיך געפונען א טייל קלאוקמאכער, וואס האבען אויך אין צייט פון סיזאן ניט געארבייט, איז דאס געווען אדער ספעציעלע, אדער פראפעסיאנעלע „טרעוולער“, אדער „האלבע בעלי־מלאכות“, וואס האבען זיך ניט געקענט צושלאגען צו א פלאץ. די לעצטע פאר סיזאנס האבען מיר גאר אין גאנצען פארלארען דעם רעכענונג ווען עס איז סיזאן און ווען עס איז סלעק. עס איז גאר איבערהויפט קיין סיזאן ניט געווען און די ארבייטסלאזע זיינען אויך פון אן אנדער סארט. אט איז לעצטען סיזאן, צום ביישפיל, געווען אוממעגליך פאר א בעסערען בעל־מלאכה צו קריגען א דזשאב. דער פאקט איז, אז א פאר הונדערט מעמבערס פון לאקאל 1 האבען דעם סיזאן געלעבט בלויז פון דער הילף, וואס זיי האבען געקראגען פון לאקאל. פילע פון זיי זיינען באקאנט אלס גוטע בעלי־מלאכות.

ס'פארשטעהט זיך, אז די ארבייטסלאזיגקייט איז געווארען א פראבלעמע. די מעמבערס, אויב זיי קריגען ניט קיין דזשאב, ווייסען, אז זיי דארפען קומען צו דער יוניאן. עס איז אפילו א גוטע זאך, ווייל עס איז אימער בעסער אז דער ארבייטסלאזער זאל לויפען אין זיין יוניאן ווי אין א סקעב שאפ — און די יוניאן איז זיי מחויב צו געבען אן ענטפער. דער מעמבער רעדט אויס צו זיין מענעדזשער די ביטערע הארץ און דער מענעדזשער דארף איהם ענטפערען. דער איינציגער ענטפער צו דיזע אלע פראגען וואלט געקענט זיין, ווען מיר פיהרען איין א לייבאר ביורא, דאן וואלטען מיר געקענט קאנטראלירען די דזשאבס און זעהן, אז אין פלעצער, וואו עס איז פאראן מעהרער קלאוקס און ווייניגער ווי די געזעצליכע צאל אפערייטארס זאלען נאך אפערייטארס אוועקגעזעצט ווערען צו דער ארבייט. עס איז פארשטענדליך, אז אין אזעלכע פעלע וואלט מען שוין געמוזט צוזעצען אויך פינישערס, פרעסערס, א. אז. וו. עס איז אמת, אז מעהרער קלאוקס וואלט מען אויף דיזען אופן ניט געקענט שאפען. דערפאר אבער דאס ביסעל ארבייט, וואס איז יע דא אין די שעפער, וואלט געקענט פאנאנדערגעטיילט ווערען צווישען מעהרער קלאוקמאכער, וואו יעדער איינער וואלט פארדינט א ביסעל אנשטאנדעם, וואס היינט קען איינער ארבייטען א גאנץ יאהר און א צווייטער שטארבט פון הונגער.

לאקאל 1 איז געווען דער ערשטער, וועמען דיזע פראבלעמע פון ארבייטסלאזיגקייט האט געטראפען דעם לעצטען סיזאן. שוין באלד נאך דעם סטאפעדוש זיינען צו אונז געקומען הונדערטע מעמבערס פארלאנגענדיג מען זאל זיי ערגעץ זעצען צו דער ארבייט. פילע האבען אונז ערקלערט, אז זיי שטארבען פון הונגער. עטוואס האט געמוזט געטאן ווערען און אונזער לאקאל האט זיך גענומען צו דער ארבייט.

מיט די הילף פון דעם ארגאניזיישאן־דעפארטמענט פון לאק. 1 זיינען איינגעשטעלט געווארען קאמיטעס פון אקטיווע מעמבערס, ארבייטסלאזע, וועלכע זיינען געשיקט געווארען אין די שעפער, וואו מיר האבען פארדעכטיגט, אז עס איז דא לעהרע־מאשינען און גענוג ארבייט, צו זעהן, אז מעהר אפערייטארס זאלען ארויפגעזעצט ווערען צו דער ארבייט. אין פילע פלעצער איז אונז געלונגען און אפערייטארס זיינען ארויפגעשיקט געווארען. אין מאנכע פעלע האבען מיר זיך אנגעשטויסען אן שוועריגקייטען. אין מאנכע פעלע איז אונז אויסגעקומען צו פארלאנגען פון די ביזנעס־אידזשענטס זייער הילף. אזוי ארום איז אונז געלונגען ארויפצוזעצען איבער 150 מעמבערס אויף דזשאבס. דאס האט נאטירליך פארקלענערט די ארבייטסלאזע ארמעע. עס זיינען נאך אבער אלץ פארבליבען א צאהל ארבייטסלאזע אויף וועמען דער לאקאל האט געמוזט אויפפאסען.

דא האבען מיר זיך ווידער ארומגעזעהן, אז אונזער יוניאן איז ניט פארבארייטעט צו באגעגענען א קריזיס ווען ער קומט. מיר האבען ניט געהאט קיינע פאנדס, מיט וועלכע אונזערע מעמבערס זאלען ארויסגעהאלפען ווערען. די לאגע איז געווען א שלעכטע און הילף איז געווען זעהר נויטיג. דער לאקאל האט דאן באוויליגט 15 טויזענט דאלאר, מיט וועלכע די ארבייטסלאזע זאלען ארויסגעהאלפען ווערען. נאכהער איז אויך צוגעקומען די 3 פראצענט. אזוי ארום האבען מיר אויסגעצאהלט די לעצטע 16 וואכען $22,431.16. פון דער דזשוינט באארד, פון די 3־פראצענטיגע האבען מיר געקראגען $7,949.30. פאלגליך איז פון דער לאקאל טרעזשורי אויסגעצאהלט געווארען $14,481.86.

דורכקוקענדיג דיזע ציפערען באווייזט אונז, אז פון א קליינעם ביטראג מצד אונזערע מעמבערס וואלטען מיר לייכט געקענט איינפיהרען אן ארבייטסלאזען בענעפיט פאנד, און מיט א ביסעל אנשטרענגונג קען איינגעפיהרט ווערען א לייבאר ביורא אין אונזער אינדוסטריע, וואס דאס וואלט ניט נאר געווען א גרויסער נוצען אין א שלעכטער צייט, נאר אונזערע מעמבערס וואלטען פון דעם פראפיטירט אויך אין א גוטער צייט. מיט דעם האט זיך אייגענטלאך געענדיגט אונזער ארבייט פאר אונזערע ארבייטסלאזע מעמבערס פאר דעם לעצטען שלעכטען סיזאן און נאך ערגערען סלעק, און מיט דער האפנונג פאר א בעסערען סיזאן ווי דעם לעצטען, דארפען מיר יעצט צוטרעטען צו דער ארבייט דורכצופיהרען א לייבאר ביורא און ארבייטסלאזען פאנד.

אינסטאליישאן פון מענעדזשער און עקזעקוטיוו באארד.

שבת, דעם 23טען דעצעמבער, איז אין מאנהעטען לייסעאום אינסטאלירט געווארען דער מענעדזשער און עקזעקוטיוו באארד פאר דעם יאהר 1923.

עס איז אבער ניט דאס וויכטיגסטע, וואס עס איז געווען אן אינסטאליישאן, ווייל אינסטאליישאנס זיינען דאך אימער געווען. וויכטיג איז דער אינטערעס, וואס די מעמבערשיפ צייגט ארויס אין די ארט און ווייזע ווי א אינסטאליישאן ווערט דורכגעפיהרט.

מיר זיינען אימער איינגעוואוינט, אז אינסטאליישאנס זאלען דורכגעפיהרט ווערען מיט לאנגע ספיטשעס, ווי אויך ווערט פאראנשטאלטעט א באנקעט פאר דער אלטער און נייער עקז. באארדס, אזוי גוט ווי א צאהל אקטיווע מעמבערס, וואס געפינען זיך ארום דעם לאקאל.

גאנץ אנדערש איז אבער געווען דער אינסטאליישאן פון אונזער לאקאל. פון 5 ביז 6 הונדערט מעמבערס האבען בייגעוואוינט דעם אינסטאליישאן און אנשטאט צופרידענצושטעלען דעם מאגען און זיך פארברייננגען מיט א קליינער צאהל מענשען, האבען מיר פאראנשטאלטעט א שעהנעם קאנצערט, וואו פילע מעמבערס זאלען האבען א געלעגענהייט זיך גייסטיג צו אמוזירען.

מיר האבען געהאט גאר ווייניג ספיטשעס. דערפאר אבער האט פאר אונז געזונגען די בראנקסער הארפע כאר, וועלכען העררס דייווידסאן האט וועהר

(שלוס אויף זייט 15.)

קלאוק אגרימענט אין קליוולאנד באנייט פאר נאך א יאהר

(שלוס פון זייט 1.)

בערגעגעבען געווארען צום באארד אוו רעפעריס צו ענטשיידען.

ערשטענס די פראגע וועגען די אויטסייד שעפער.

די יוניאן איז באשטאנען אויף דעם, דאס די מאנופעקטשורערס, וועלכע געבען ארויס ארבייט צו אויטסייד שאפס, זאלען זיי די ארבייט מוזען שיקען צו יוניאן־קאנטראקטארס. דאס איז די קליוולאנדער קלאוק־מאנופעקטשורערס ניט אנגעשטאנען. אין דעם האבען זיי דוקא געוואלט האבען א פרייע האנט, צו קאנען שיקען די ארבייט וואו זיי ווילען. זיי האבען גע'טענה'ט: זאל די יוניאן ארגאניזירען אלע קליינע שאפּ־עס, וועט זיי ממילא מוזען שיקען די ארבייט צו יוניאן־קאנטראקטארס.

דער באארד אוו רעפעריס האט אבער ענטשיידען אז די יוניאן איז גערעכט: א מאנופעקטשורער, וואס האט אן אגרימענט מיט דער יוניאן, טאר ניט שיקען צו מאכען ארבייט אין א ניט־יוניאן שאפ, זיי מוזען שיקען די ארבייט נאר צו יוניאן־קאנטראקטארס. דאס הייסט, אין אזעלכע שעפער, וואו די יוניאן־רולס ווערען אפגעהיט, אזוי גוט ווי אין דעם אינסייד־שאפ.

די ענטשיידונג איז, אלזא, איינגאנצען אויף די זייט פון דער יוניאן.

נאך א שטרייט־פונקט איז געווען די פראגע וועגען דיוס און „פיינס“.

די יוניאן האט געפאדערט, דאס אין דעם נייעם אגרימענט זאל זיין א פונקט, דאס ווען ארבייטער ווערט באשטראפט פון דער יוניאן פאר עפעס א פארברעכען, און אויב ער וועט די שטראף ניט ווילען אננעהמען, זאל ער אין א יוניאן שאפ ניט קאנען ארבייטען. דאס גלייכען אויך, ווען אן ארבייטער זאל זאגען, אז ער וויל ניט צאהלען קיין דיוס, און דאך וויל ער בלייבען ווייטער ארבייטען אויף זיין פלאץ אין א יוניאן־שאפ.

די ענטשיידונג פון באארד אוו רעפעריס איז, דאס אין אזעלכע פאלען מוזען די ארבייטער באצאהלען דער יוניאן, סיי דיוס און סיי געלד־שטראפען. און טאמער וועט זיך אן ארבייטער איינשפארען, אז ער, אדער זי, וויל בשום אופן ניט צאהלען, זאל די פירמע אזא ארבייטער אפזאגען פון דער ארבייט. דאס איז, פארשטעהט זיך, פאר דער יוניאן א גאנץ וויכטיגער פונקט.

נאך א וויכטיגען פונקט האבען די ארבייטער געוואונען אין באצוג די סטענדארדס. פון יעצט אן וועט דארפען זיין א גלייכע ווידזש־סקייל אין אלע שעפער. דער רעזולטאט דערפון וועט זיין, דאס אין א דריטעל פראצענט שעפער אין טרייד וועלען די ארבייטער באקומען א העכערונג פון 10 פראצענט. די יוניאן האט פארלאנגט א העכערונג אין ווידזשעס פאר אלע ארבייטער אין טרייד. און די יוניאן האט צוגעשטעלט א גאנצע רייהע סטאטיסטיקס צו באווייזען, אז דער יקרות אויף אלע לעבענס־מיטעל האלט אן, כאטש דער קריזיס אין לאנד זעהט זיך מעהר ניט. די ענטשיידונג אבער איז, דאס דיזע פראגע זאל נאכאמאל אויפגענומען ווערען דעם קומענדען אפריל, און דאן וועט דער באארד אוו רעפעריס ארויסגעבען אן ענטשיידונג.

אויף יענעם מיטינג וועט דער באארד אוו רעפעריס אויפנעהמען נאך א פארערונג פון דער יוניאן, וואס איז יעצט ניט באוויליגט געווארען נעמליך: גלייכע סקיילס פאר פרויען און מענער, ווען ביידע טוען די זעלבע ארבייט. איצטער האבען די פרויען־ארבייטער א נידעריגערע סקייל ווי די מענער. אויך די פראגע דארף ענטשיידעט ווערען דעם קומענדען אפריל.

וועגען נאך אנדערע פונקטען אין דעם אגרימענט וועלען מיר רעדען א צווייטען מאל.

אויף די לעצטע צוויי זיצונגען איז די יוניאן געווען פארטראטען דורך ברודער א. קאטאווסקי און שוועסטער נאגינגער, מיט וויים־פרעזידענט מאיר פערלשטיין בראש. פערלשטיין האט געעפענט דעם קאנפערענץ שבת מיט א שטארקע רעדע, וואס האט אויף אלעמען געמאכט א זעהר גוטען איינדרוק. דאס גלייכען האט ער אויך געהאלטען אן אויסגעצייכענטע רעדע זונטאג, ווען דער קאנפערענץ האט זיך געשלאסען.

די קליוולאנד קלאוק־מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן איז געווען פארטראטען דורך א. קעלער, ה. מאנשיין, אורווינג העקסטער, ב. קארך און פ. ס. באטלער, דער לייבאר־מענעדזשער פון אסאסיאיישאן.

יונייטעד סטייטס טרעזשורי

בעקאנטמאכונג!

דעם 1טען יאנואר 1923 זיינען אייערע 1918 וואר סייווינגס סטעמפס געווארען פעליג.

די יונייטעד סטייטס גאווערנמענט גיט אייך א געלעגענהייט ווייטער צו שפארען אויף א זיכערען און באצאהלענדען וועג, אויסבייטענדיג אייערע

1918 וואר סייווינגס סטעמפס
פאר
טרעזשורי סייווינגס סערטיפיקייטס

פאר $25 אין וואר סייווינגס סטעמפס, קענט איהר איצט קריגען א 25־דאלארדיגען טרעזשורי סייווינגס סערטיפיקייט און $4.50 אין קעש.

פאר $100 אין וואר סייווינגס סטעמפס, קענט איהר איצט קריגען א 100־דאלארדיגען טרעזשורי סייווינגס סערטיפיקייט און $18 אין קעש.

פאר $1,000 אין וואר סייווינגס סטעמפס, קענט איהר איצט קריגען א 1,000־דאלארדיגען טרעזשורי סייווינגס סערטיפיקייט און צוויי 100־דאלארדיגע טרעזשורי סייווינגס סערטיפיקייט און $16 אין קעש.

טרעזשורי סייווינגס סערטיפיקייטס זיינען געזיכערט מיט דעם קרעדיט פון דער יונייטעד סטייטס גאווערנמענט און זיינען היינט איינע פון די זיכערסטע אינוועסטמענטס אין דער וועלט.

צו די איצטיגע פרייזען ברענגען איין די טרעזשורי סייווינגס סערטיפיקייטס אומגעפעהר 4 פראצענט א יאהר, צוגערעכענט האלב־יעהרליך, אויב זיי ווערען געהאלטען ביז דעם פעליגען טערמין, און אומגעפעהר 3 פראצענט איינפאכע צינזען, אויב זיי ווערען איינגעקאסירט פריהער ווי זיי ווערען פעליג.

זיי זיינען פריי פון סטייט און לאקאלע טעקסעס (אויסער עסטייטס און ירושה טעקסעס) און פון נארמאלען פעדעראל אינקאם טעקס.

און זיי זיינען רעדזשיסטרירט אין דעם טרעזשורי דעפארטמענט אין וואשינגטאן, אום צו פערהיטען דעם אייגענטימער פון פארלוסט אדער גנבה.

שפארט אייער געלט און לאזט עס וואקסען

אייער פאסטמייסטער אדער ביינקער וועט אייך מיט פארגעניגען געבען אלע אינפארמיישאנס

עקסטשענדזשעס קענען אויך געמאכט ווערען אין פאלגענדע אפיסעס:

פעדעראל ריזורוו באנק

97 מיידען לעין; 125טע סט. און 5טע עוו.; 23טע סט. און 4טע עוו., ניו יארק סיטי.

די וואך

פון נ. ש.

די „געשפּרעכען" צווישען אמעריקאַנער און אייראָפּעאישער רעגירונגען

פאר איבער א וואָך זיינען אָנגעגאנגען שטורמישע דעבאַטען אין סענאַט איבער סענאַטאָר באָראַ'ס רעזאָלוציע, וועלכע ראַט דעם פּרעזידענט צו פאררופען אַן עקאָנאָמישען קאָנפערענץ מיט אייראָפּעאישע רעגירונגען מיט דעם צוועק צו געפינען מיטלען פאר דער אויפבויאונג פון אייראָפּא. געגען דעם פּלאַן זיינען געווען ניט נאָר די אדמיניסטראַציע סענאַטאָרען נאָר אַלע די וועלכע האָבען מורא פאר אריינמישען זיך אין אייראָפּא ווי פאר פייער. פאר באָראַ'ס פּלאַן איז הויפּטזעכליך געשטאַנען די פאַרמער גרופּע, וועלכע איז שטאַרק פאראינטערעסירט אין אייראָפּא צוליב דעם וואָס די אמעריקאַנער פאַרמער קענען איצט ניט פאַרקויפען זייערע פּראָדוקטען אויף די אייראָפּעאישע מאַרקעטס, ווייל די איינציגע זאַכען מיט וואָס אייראָפּא קען עטוואָס קויפען זיינען די וועכסלען, די ווערטלאָזע געלט און די חובות.

די אדמיניסטראַציע סענאַטאָרען האָבען גע'טענה'ט, אז באָראַ'ס רעזאָלוציע שטעלט די רעגירונג אין זעהר אַן אונאַנגענעמע לאַגע, אז דער פּרעזידענט און סעקרעטאַר יוז פאַרשטעהן אַליין, אָהן די עצות פון סענאַט, ווען און ווי אַזוי צו האַנדלען, און דאָס די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען, אז מען זאָל לאָזען דעם פּרעזידענט און זיינע ראַטגעבער אויסצואַרבייטען זייערע אייגענע פּלענער אָהן וועמעס עס איז אריינמישען זיך. טאָמער אָבער געפינען זיך סענאַטאָרען וועלכע זיינען אומגעדולדיג און ווילען פּאַרט וויסען וואָס די רעגירונג טראַכט וועגען אינטערנאַציאָנאַלע פראַגען, דאַן זאָלען זיי שטילערהייט געהן צום סטייט דעפּאַרטמענט און מען וועט זיי שוין פאַרטרויען די סודות. אָבער די סענאַטאָרען מוזען זיין דיפּלאָמאַטיש און האַלטען דאָס מויל. סענאַטאָר באָראַ אָבער וויל ניט געהן דורך הינטערטירען און ער וויל ניט וויסען אַזעלכע סודות, וועלכע ער זאָל קיינעם ניט טאָרען דערציילען. ווען די דעבאַטע האָט זיך צופלאַקערט האָט דער פּרעזידענט דערפיהלט, אז ער מוז זיך אריינמישען און ער האָט אריינגעשיקט א בריוועל צו סענאַטאָר לאָדזש, א טייל פון דער אדמיניסטראַציע, וואו ער האָט שאַרף אַטאַקירט באָראַ'ס פּלאַן. אַזאַ רעזאָלוציע, האָט זיך דער פּרעזידענט געבייזערט, איז א באַליידיגונג פאר דער רעגירונג, ווייל דאָס מיינט אז די רעגירונג מוז אונטערגעטריבען ווערען אין אַזעלכע ענינים וועלכע זיינען איהר פליכט צו נעמען די איניציאַטיווע. עס האָט אויסגעוויזען אז די אדמיניסטראַציע האָט מאָביליזירט אַלע איהרע כחות צו דערשטיקען באָראַ'ס פּלאַן, און עס וואָלט דאָס איהר געלינגען צו טאָן, ווייל די איצטיגע זיצונג פון קאָנגרעס איז מעהר ניט ווי א נאָכשלעפּעניש פון דעם אַלטען קאָנגרעס, פון וועלכען פילע הייסע אָנהייגער פון דער איצטיגער אדמיניסטראַציע זיינען דורכגעפאַלען אין דעם לעצטען עלעקשאָן.

אָבער דער פּרעזידענט און זיינע ראַטגעבער האָבען פאַרשטאַנען, אז ווען אפילו באָראַ'ס רעזאָלוציע וואָלט איצט דורכגעפאַלען וואָלט דאָס נאָך ניט געמיינט אז די זעלבע פראַגע וואָלט ניט אויף דאָס ניי ארויפגעשוואומען אין דעם נייעם סענאַט וואו ער וואָלט שוין זיכער ניט געקראָגען די זעלבע שטיצע. די אדמיניסטראַציע איז געווען אין א פאַרלעגענהייט. דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען מוזען געהאַלטען ווערען אין דער פינסטער, אין געהיים — דאָס איז אַן אָנגענומענער פּרינציפּ ביי די דיפּלאָמאַטען און שטאַאַטסלייט. די אָנצוהערענישען פון דער רעגירונג, מיט עטליכע וואָכען צוריק, וועגען דער געפּלאַנטער ענדערונג אין דער אייראָפּעאישער פּאָליסי פון אמעריקא האָט אָנגעמאַכט א צו גרויסען רושם. צו פיל ליכט איז געוואָרפען געוואָרען אויף דער זעהר דעליקאַטער פראַגע. און דאַ האָט זיך נאָך אריינגעמישט דער סענאַט. ווי אַזוי דרעהט מען זיך ארויס פון דעם פּלאָנטער? און מיט עטליכע טעג צוריק האָט מען געפונען א וועג ווי ארויס פון פּלאָנטער.

א טאָג נאָכדעם ווי דער ברוגז'דיגער בריוועל פון פּרעזידענט איז פאַרגעלעזען געוואָרען אין סענאַט, האָבען עטליכע סענאַטאָרען, אָנהייגער פון דער אדמיניסטראַציע, ארויסגעלאָזען די קאַץ פון זאַק. זיי האָבען נעמליך דערציילט אז די רעגירונג פיהרט איצט אַן „געשפּרעכען", אז זי האָט ארויסגעלאָזען „פיהלערס" וועגען אַן עקאָנאָמישער קאָנפערענץ מיט אייראָפּעאישע מלוכות. סענאַטאָר באָראַ האָט נאָך די ערקלערונגען צוריקגעצויגען זיין רעזאָלוציע. ביידע, אי די רעגירונג און אי סענאַטאָר באָראַ, זיינען צופרידען. ביידע זיינען ארויס זיגער. וואָס אָבער וויכטיג איז, וואָס די רעגירונג האָט געפאָלגט באָראַ'ס עצה ווען אין דער עפענטליכקייט איז ער באַקעמפט געוואָרען. דאָס אָבער איז גאָר ניט קיין גאַראַנטי, אז די „געשפּרעכען" זאָלען זיך ענדיגען מיט אַן ערפאָלגרייכען פּלאַן פאַר דער אויפבויאונג פון אייראָפּא.

די מיינערס פּלאַן צו נאַציאָנאַליזירען די מינען.

מיט עטליכע טעג צוריק איז באַקאַנט געוואָרען דער פּלאַן וואָס די יונייטעד מיין וואָרקערס יוניאָן וועט אין קורצען פאַרברייננגען פאר דער קוילען קאָמיסיע צו לעזען די אָנגעוועהטאָגטע פראַגען פון דער קוילען אינדוסטריע. דער פּלאַן, ווי וויס־פּרעזידענט גאָלדען פון די מיינערס יוניאָן האָט ערקלערט, איז א רעזולטאַט פון א גרינדליכע אויספאָרשונג וועגען די קוילען אינדוסטריע וואָס די יוניאָן נאַציאָנאַליזירונג אונטערזוכונג קאָמיטע האָט אויסגעאַרבייט.

די מיינערס' פּראָגראַם איז פון אויסערגעוועהנליכער וויכטיגקייט. עס איז ניט די געוועהנליכע פאָדערונג פון נאַציאָנאַליזירונג פון די מינען, וועלכע איז א טייל פון פאַרשידענע פּאָליטישע קאַמפּיינס. די פּראָגראַם איז קאָנקרעט באַזירט אויף אונשטרייטבאַרע פאַקטען און ציפערען, און אין דער זעלבער צייט עפּאָכע מאַכענד. ניט נאָר פאָדערן די מיינערס אז דאָס פאָלק זאָל ווערען די אייגענטימער פון די קוילען גריבער, נאָר דאָס די מיינערס צוזאַמען מיט די אינזשינירען און אַנדערע טעכניקער זאָלען פאַרוואַלטען די קוילען פּראָדוקציאָן.

די מיינערס יוניאָן איז געגען די עקספּראָפּריאירונג פון די מינען. איהרע עקספּערטען האָבען אויסגערעכענט, אז דער פּרייז פאר אויסקויפען די ווייכע און האַרטע קוילען גרובען וועט באַטרעפען ניט מעהר ווי פיער און א האַלב ביליאָן דאָלאַר. די מיינערס שלאָגען פאָר, אז די רעגירונג זאָל פאר דער סומע געלט אָפּקויפען די מינען פון די פּריוואַטע אייגענטימער פאר דאָס פאָלק. אַנשטאָט די קאָנקורענץ און הויט־שינדענדע קוילען־מאַגנאַטען וועט די אינדוסטריע זיין פאַרוואַלטעט פון דאָס פאָלק און צוליב איהרע באַדערפניסע.

די מיינערס שלאָגען פאָר אז עס זאָל געשאַפען ווערען אַן „אינטערסטייט קאָמישאָן אָוו מיינס", מיט א סעקרעטאַרי אָוו מיינס אין פּרעזידענט'ס קאַבינעט. די קאָמיסיע זאָל באַשטעהן פון עקספּערטען צו באַשטימען פּרייזען, פאַרקעהר און אין אַנדערע טעכנישע פראַגען. א צווייטע קאָמיסיע זאָל באַשטעהן פון פאָרטרעטער פון דריי גרופּען: די פאַרוואַלטער און טעכניקער פון די מינען, די אַרבייטער און די קוילען פאַרברויכער. דער צוועק פון די צוויי קאָמיסיעס איז צו אָפּטיילען די פאַרוואַלטונג פון דער אינדוסטריע פון דער ברייטערער פראַגע פון דעם קאָנטראָל וועלכע האָט צו טאָן מיט ווידזשעס, אַלגעמיינע קאָסטען א. ז. וו.

איינער פון די וויכטיגסטע פּונקטען אין דער מיינערס פּראָגראַם איז די פאָדערונג, אז די אַרבייטער זאָלען האָבען א גלייכע טייל מיט די אינזשינירען און אַנדערע טעכניקער אין דער פאַרוואַלטונג פון דער אינדוסטריע. דאָס הייסט אז די יוניאָן מוז זיין 100 פּראָצ. שטאַרק און זאָל אָנפיהרען מיט די פאַרשטעהער פון פאָלק, דאָס הייסט, פון די פאַרשרייבער די גוי־טיגע פאַרהאַנדלונגען. א געוויסער סטאַנדאַרד ווידזשעס זאָל אויסגעאַרבייט ווערען אַלס דער ערשטער גרונד־פּרינציפּ אין באַשטימען פּרייזען און אַנדערע הוצאות. ווידזשעס וועט ניט זיין אָפּהיינגיג אַן די פּראָפיטירישע אויסרעכענונגען פון פּריוואַטע מאַגנאַטען נאָר עס וועט זיין דער גרונדשטיין פון דער אינדוסטריע.

די מיינערס האַלטען אז עס איז ניט גענוג פאַר די אַרבייטער צו באַגרענצען זייער טעטיגקייט אין די טעכנישע פאַרוואַלטונג פון די מינען, נאָר זיי וועלען מוזען אויפפּאַסען אויף די ברייטערע פּאָליסים פון דער רעגירונג'ס קאָנטראָל איבער דער קוילען אינדוסטריע. אויב די מיינער וועלען זיך אינטערעסירען פאַרלאָזען אויף דער רעגירונג וועלען זיי נאָר אויסבייטען די אונטערדריקונג פון פּריוואַטע באַראָנען אויף דער רעגירונג'ס ביוראָקראַטיע. דאַרום וועלען די מיינערס מוזען זיין אויף דער וואַך ניט נאָר אויפ'ן עקאָנאָמישען פעלד נאָר אויך אויפ'ן פּאָליטישען פעלד. אין אַנדערע ווערטער, מיינט עס, אז די אַרבייטער מוזען זיך אָרגאַניזירען פּאָליטיש אַזוי גוט ווי עקאָנאָמיש. זיי מוזען האָבען זייער אייגענע פּאָליטישע פּאַרטיי, אַן אַרבייטער פּאַרטיי, אַזוי גוט ווי זיי האָבען זייער אייגענע יוניאָן. נאָר דאַן ווען די אַרבייטער וועלען האָבען א 100 פּראָצענט יוניאָן און א לייבאָר פּאַרטיי וועלען זיי קענען אויספיהרען זייערע פאָדערונגען, דאָס איז די מיינערס' פּראָגראַם.

אַטאָרני דזשענעראַל דאָהערטי מאַכט אַן ענטדעקונג.

זינט ער האַלט אָן זיין אַמט סטראַשעט אַלץ אַטאָרני דזשענעראַל דאָהערטי, אז ער מאַכט פאַרבערייטונגען פאַר א גרינדליכע אונטערזוכונג אין פאַרפאַלגונגען פון די וועלכע האָבען אָפּגענאַרט די רעגירונג און דאָס פאָלק אין צייט פון קריג, כדי זיך רייך צו מאַכען. אין דער אמת'ן אָבער האָט ער נאָר געהאַלטען אין פאַרקאַשערען די אַרבעל און באַשיצען די פּראָפיטירער און כאַבאַרניקעס. ווען אָבער דער שטורם פון פּראָטעסט געגען דאָהערטי האָט זיך געהאַלטען אין פאַרשפּרייטען, און ווען קאָנגרעסמאַן קעלער האָט אריינגעבראַכט די אימפּיטשמענט קלאַגעס געגען איהם איז ער ווייטער געוואָרען ביזי און דעם מאָל האָט ער טאַקע עפּעס געפונען. דאָס הייסט, ניט דאָהערטי האָט עס געפונען, נאָר די גרענד דזשורי פאַר וועלכע דער דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס האָט געבראַכט די באַווייזע.

די גרענד דזשורי האָט געפונען אז איינער פון די שולדיגע אין כאַבאַר, פּראָפיטירונג און אָפּנאַרען די רעגירונג און דאָס פאָלק איז דער געוועזענער אַסיסטענט סעקרעטערי אָוו וואָר, בענעדיקט קראָוועל. אין דער צייט ווען די רעגירונג איז געווען פאַרנומען אין מאַכען די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיע, האָט דער געהילפס־מיניסטער פון קריג — געזוכט צו פאַרזאָרגען זיך מיט מיליאָנען. מיט קראָוועל זיינען אויך געפונען געוואָרען שולדיג פינף אַנדערע פּאַטריאָטען, וועלכע האָבען פאַרנומען הויכע עמטער אין דער ווילסאָן אדמיניסטראַציע. מען גיט אָנצוהערעניש, אז ווען די אונטערזוכונגען זאָלען טאַקע אויף אַן אמת אָנגעהן וואָלט דאָס אמעריקאַנער פאָלק געזעהן, אז גאָר פילע פון איהרע שטאַאַטסלייט און בארימטע פּערזענליכקייטען זיינען פאַרמישט אין גאָר מיאוס'ע געשעפטען.

אָבער די איצטיגע רעגירונג וואָגט ניט אָנצוגעהן מיט דער אונטערזוכונג צו ווייט, ווייל זי האָט צוגעזאָגט צו פאַרהיטען די אינטערעסען פון די פּראָפיטירער. א פאַר הויכע באַאַמטע פון דער לעצטער אדמיניסטראַציע צו געפינען שולדיג איז א טייל פון איהר קאַמפּיין קאַמף. און א חוץ דעם וועט דאָך אַטאָרני דזשענעראַל דאָהערטי זיך לאַנג ניט האַלטען אין זיין אַמט. מען גיט שוין אָנצוהערעניש אז ווען דער פּאַסענדער מאָמענט וועט קומען וועט דאָהערטי רעזיגנירען. איצט צו רעזיגנירען וואָלט מיינען צו אָנערקענען די באַשולדיגונגס־אַקטען געגען איהם. אָבער אין א שטילען מאָמענט, ווען די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק וועט זיין געווענדעט ערגעץ אַנדערש, אויף אַן אַנדער באַאַמטען, וועט דאָהערטי זיך אָפּטראָגען פון זיין דזשאָב.

ווידער אַמאָל רוסלאַנד און אמעריקא.

גרעגאָרי טשיטשערין, דער סאָוועט פאַרשטעהער אויף דער לאָזאַן קאָנפערענץ, וואו די דאַרדאַנעלען און קאָנסטאַנטינאָפּאָל ווערען געסעטעלט, האָט אין א געשפּרעך מיט אַן אמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט אויסגעדריקט זיין ענטוישונג מיט די רעזולטאַטען פון די אַלע אונטערריידונגען. ער האָט צוגעגעבען אז ענגלאַנד און מיליטאַריזם האָט געזיגט, אז די פראַגען זיינען ווייט פון געסעטעלט, און אז פריהער אָדער שפּעטער וועלען די זעלבע פראַגען ווידער ארויפשווימען. ער האָט דערפאַר אַפּעלירט צו אמעריקא צו קומען צו א פאַרשטענדניס מיט רוסלאַנד. רוסלאַנד, האָט ער געגעבען צו פאַרשטעהן, זוכט שוין ניט קיין פּאָליטישע אָדער דיפּלאָמאַטישע אָנערקענונג. דערווייל קענען די צוויי לענדער קומען צו א פאַרשטענדניס אין באַצוג צו ספּעציפישע פראַגען, ווי ענטוואָפענונג, און דערנאָך קען מען ריידען וועגען אַנדערע פראַגען.

די ענטוואָפענונגס פראַגע פאַר רוסלאַנד איז איצט איינע פון די וויכטיגסטע. די באַשליסע פון דער לאָזאַן קאָנפערענץ, וועלכע ערלויבט קריגס־שיפען פון די עליים אין די וואַסערען ארום די דאַרדאַנעלען, מאַכט עס נויטיג פאַר רוסלאַנד צו בויען איהרע אייגענע קריגס־שיפען צו באַשיצען זיך אין פאַל פון אַטאַקע. דאָס מיינט, אז רוסלאַנד וועט איצט ווייטער דאַרפען אוועקגעבען ענערגיע אויף פאַרשטאַרקערען איהר פלאָטע אין צייט ווען זי מוז אַזוי נויטיג בויען איהרע עקאָנאָמישען לעבען. דערפאַר אַפּעלירט זי צו אמעריקא, וועלכע האַלט אין איין רעדען וועגען ענטוואָפענונג, צו העלפען ענטוואָפענען די דאַרדאַנעלען.

די אמעריקאַנער רעגירונג ווייזט אויס וועט אַזוי שנעל ניט ענדערען איהר שטעלונג צו רוסלאַנד. אָבער אז אַן ענדערונג קומט פאָר איז באַוויזען אין א רעדע וואָס הענרי מאָרגענטאַו, דער געוועזענער אַמבאַסאַדאָר צו טערקיי אונטער ווילסאָנ'ס רעזשים האָט מיט א פאָר טעג צוריק געהאַלטען. ווי באַוואוסט איז ער שטענדיג געווען איינער פון די שטאַרקסטע געגנער פון רוסלאַנד. ער האָט געהאַלטען אין איין דערציילען, אז אָט־אָט פאַלט די סאָוועט רעגירונג. אין דער רעדע מיט א פאָר טעג צוריק אָבער האָט ער אָפען ארויסגעזאָגט, אז די סאָוועט רעגירונג איז די רעגירונג פון רוסלאַנד מיט וועלכער מען מוז פאַרהאַנדלען. ער האָט צוגעגעבען, אז רוסלאַנד איז געווען א וועלט מאַכט, איז איצט א וועלט מאַכט און וועט בלייבען א וועלט מאַכט. וואָס נאָך, ער האָט געראַטען די רעגירונג, אז קאָנסטאַנטינאָפּאָל זאָל מען אָפּגעבען רוסלאַנד. מען זאָל עס איבערגעבען די באָלשעוויקעס. עס קען זיין אז ער האָט די טערקען מעהר פיינט פון די באָלשעוויקעס, און איידער אריינצולאָזען די טערקען אין אייראָפּא, זאָל מען בעסער אָפּגעבען קאָנסטאַנטינאָפּאָל צו רוסלאַנד, ווייל פריהער אָדער שפּעטער וועט דאָך רוסלאַנד מוזען קריגען די הויפּט־שטאָט. עס פאַרשטעהט זיך אז די רעגירונגען וועלען איהם ניט הערען, אָבער צו הערען אַזאַ מיינונג פון אַזאַ דיפּלאָמאַט ווי מאָרגענטאַו איז וויכטיג.

א שלעכטער מאָגען

ברענגט קאָפּ־שמערצען, אונריינע בלוט, אַפּענדיסיטיס און פיעלע אַנדערע קראַנקהייטען.

עקס-לאַקס

דער טשאָקאָלאַד אַבפיהר־מיטעל

האַלט אייער מאָגען אין אָרדנונג

עקס־לאַקס קורירט פאַרשטאָפּונג און אין דערזעלבער צייט פאַרהיט עס אייך פון פיעלע קראַנקהייטען, וועלכע קומען פון א שלעכטען און פאַרשטאָפּטען מאָגען.

עקס־לאַקס איז די וויכטיגסטע ערפינדונג פון דיעזען יאָהר־הונדערט און ווערט רעקאָמענדירט פון פּראָמינענטע מאָגען־ספּעציאַליסטען.

10, 25 און 50 סענט א באָקס. אין אַלע דראָג סטאָרס.

GERECHTIGKEIT

A Jeewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President
A. BAROWW, Sec'y-Treas.
S. YANOFSKY, Editor.
ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol V. No. 1. New York, Friday, January 5, 1923.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y. under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

דער אינדעפענדענט און ריפער דעפארטמענט פון דער קלאוקמאכער יוניאן

פון א סטעף רעפארטער.

ברודער ה. סלוצקי, דער מענעדזשער פון דעם אינדעפענדענט און ריפער דעפארטמענט, האט אונז צוגעשיקט א רעפארט פון דער יוניאן טעטיגקייט. אין דעם אפיס פאר א משך פון זעקס וואכען צייט, פונ'ם 30טען אקטאבער ביז דעם 16טען דעצעמבער, אין וועלכען עס שפיגעלט זיך אפ די איבערגעגעבענע ארבייט וואס ווערט געטאן אין דעם אפיס.

דער רעפארט איז, אייגענטליך, א צוויי־ענדיגער; כאטש דער אפיס גיט אכטונג אויף ביידע סארטען שעפער, די אינדעפענדענט און די ריפער, ווערען אבער די קאמפלעינטס וואס זיינען אטענדעט געווארען פאנאנדערגעטיילט, און ביי יעדען באזונדער „אייטעם" ווערט אנגעגעבען, צי איז דער קאמפלעינט אטענדעט געווארען אין א אינדעפענדענט שאפ אדער אין א ריפער שאפ. און גלייך אויפ'ן שטעל קאנט איהר זעהן וויפיל טראבעלס די יוניאן האט געהאט אין די ריפער שעפער, און וויפיל אין די אינדעפענדענט. דאס צייגט, אז די ארבייט אין דעם אפיס ווערט געטאן גאנץ סיסטעמאטיש, וואס דאס אליין איז שוין א גרויסע מעלה אן און פאר זיך.

און אזוי דערוויסען מיר זיך פון דעם ר ע פ א ר ט, אז פון דעם 30טען אקטאבער, ביז דעם 16טען דעצעמבער זיינען דורך דעם אפיס אטענדעט געווארען 788 קאמפליינטס פון „אינדעפענדענט" שעפער און 539 קאמפליינטס פון ריפער שעפער. צוזאמען, 1327. דאס איז, ווי איהר זעהט, א גאנץ היבשער צעטעל.

נאטירליך, די קאמפליינטס ווערען באריכטעט אין א קלאסיפיצירטער פארם, יעדער קלאס באזונדער. אין דעם צעטעל פון די „אינדעפענדענט" שעפער זעהען מיר: 45 קאמפליינטס וועגען אומגלייכער פארטיילונג פון ארבייט, 60 וויידזש־קאלעקשאנס, 50 דיסטשארדזש קייסעס, 9 וויידזש־ארדזשאסטמענטס און אזוי ווייטער.

דאס גלייכען אויך די קאמפליינטס אין די ריפער שעפער, פראפארציאנעל לויט דער צאהל שעפער אין טרייד.

א חוץ די קאמפליינטס ווערט אויך באריכטעט פון שאפ־מיטינגען וואס זיינען דורך דער צייט אפגעהאלטען געווארען, און זיינען אטענדעט געווארען פון די ביזנעס־אייזשענטס פון דעם אפיס. איבער הונדערט שאפ־מיטינגס זיינען אין דער צייט אפגעהאלטען געווארען.

דורך דער צייט האט דער אפיס אויך געסעטעלט מיט 13 פירמען פון נייע שעפער, וואס האבען זיך לעצטענס אויפגעמאכט אין דעם דיסטריקט.

א גרויסער טייל פון רעפארט ווערט פארנומען מיט א באריכט וועגען שאפ־סטרייקס, וואס דער אפיס פיהרט אן און עס ווערט איבערגעגעבען די אורזאכען, ווארום די סטרייקס זיינען גערופען געווארען.

אט זיינען א פאר ביישפילען:

די פירמע וו. באס און קאמפ. האט פאר א צייט לאנג ניט געוואלט סעטלען מיט דער יוניאן און האט באטריבען א „נאן־יוניאן" שאפ. ברודער סלוצקי האט איינינגע מאל פראבירט דעם שאפ יוניאניזירען און עס האט זיך אלץ ניט איינגעגעבען. עס האבען דארט געארבייט אזעלכע מענשען, וואס מען האט ניט געקאנט באוועגען צו פאלגען די יוניאן, אפצושטעלען די ארבייט, ביז די פירמע זאל סעטלען.

און דאס האט דעם אפיס ניט געלאזען צורוה; מען האט באטראכט דעם שאפ פאר א פלעק אויפ'ן דיסטריקט און ענדליך האט זיך איינגעגעבען דעם שאפ צו ארגאניזירען.

און עס איז אינטערעסאנט ווי דאס איז געטאן געווארען. דער אפיס האט דער פירמע אונטערגעשיקט גוטע יוניאן־לייט, מענשען אויף וועלכע מען קאן זיך פ א ר ל א ז ע ן, צו פרעגען פאר ארבייט. די פירמע האט זיי אנגענומען און דיזע מענשען האבען אנגעהויבען „בויערען פון אינעווענינג". זיי האבען אנגעוויזען די אנדערע ארבייטער ווי שלעכט עס איז צו ארבייטען אין א נאן־יוניאן שאפ, נאכדעם האט די יוניאן גערופען די ארבייטער פון דעם שאפ אין סטרייק. עס פארשטעהט זיך, די יוניאן־לייט זיינען באלד ארונטער און האבען מיט זיך מיטגענומען די אנדערע ארבייטער. איצטער איז דער שאפ אין סטרייק.

מיט א שטיקעל צייט צוריק איז געקומען א קלאגע, אז ביי דער פירמע נאוועמבער און פאסטערנאק ווערט געארבייט פון שטיק. אן אונטערזוכונג איז געמאכט געווארען און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ס'איז ווירקליך אזוי. אין אזא פאל זיינען דאך די ארבייטער פונקט אזוי שולדיג ווי די פירמע, און דער אורטייל פון דער יוניאן איז געווען, דאס די ארבייטער מ'זען פאר דעם פארברעכען פארלאזען דעם שאפ. אבער ניט די פירמע און ניט די ארבייטער האבען געוואלט פאלגען דעם באשלוס און, דער שאפ איז דערקלערט געווארען אין סטרייק. דאס מאכט די ארבייטער פון יענעם שאפ פאר אפענע סקעבס, זיי קאנען מעהר ניט זיך באהאלטען אונטער א יוניאן־מאנטעל און סקעבען אין דער שטיל. איצטער וויסען אלע ווער יענע ארבייטער זיינען.

מיט דער אלבאמא קלאוק־קאמפאני האט דער אפיס געהאט א שטרייט. מאנכע ארבייטער האבען דארט געארבייט פון שטיק, די באלעבאטים האבען אליין געשניטען די ארבייט. ניט לאנג צוריק האט די פירמע אפגעזאגט פון דער ארבייט צוויי אפערייטארס און האט זיי ניט געוואלט באצאהלען וואס עס איז זיי געקומען.

הקיצור די יוניאן האט פארלאנגט פון דער פירמע גוט צו מאכען אלץ, וואס דארט איז פארבראכען געווארען נעגען די רולס פון דער יוניאן. אבער די פירמע האט ניט געוואלט אויספאלגען און דער שאפ איז דערקלערט געווארען אין סטרייק.

דער באס טשארלס לעבענדיגער האט אהן אירגענד וועלכע אורזאכע אפגעזאגט פון דער ארבייט דריי אפערייטארס. די יוניאן האט דורכאויס פארלאנגט די ארבייטער זאלען צוריק באקומען זייערע פלעצער צו דער ארבייט. דער באס האט עס אבער בשום אופן ניט געוואלט טאן און דער שאפ איז דערקלערט געווארען אין סטרייק.

די פירמע פישמאן און קראפקאף האט געזאגט אז זי „געהט ארויס פון ביזנעס", און האט אפגעזאגט אלע ארבייטער. דער אפיס האט נאכגעזוכט די זאך און אויסגעפונען, אז זי געהט ניט ארויס פון ביזנעס; דאס זי פלאנעוועט גאר אנצופאנגען מאכען די גאנצע ארבייט אויטסייד, און די פירמע איז דערקלערט געווארען אין סטרייק.

פונקט דאס זעלביגע האט אויך פאסירט ביי דער פירמע הוירשעל און פרעטשעל.

די פירמע מילער, גאנזעל און נידעלמאן האט דוקא געוואלט די ארבייטער זאלען דארט אנפאנגען ארבייטען פון שטיק. די ארבייטער האבען דאס ניט געוואלט טאן און זיי זיינען דערפאר אויסגעשלאסען פון שאפ. דער שאפ איז, דעריבער, דערקלערט געווארען אין סטרייק.

דער באס י. פירעלבוים האט ניט געוואלט ארויפלאזען אין שאפ א ביזנעס אייזשענט פון דער יוניאן צו קאנטראלירען דעם שאפ. דער שאפ איז דערקלערט געווארען אין סטרייק און מיט עטליכע שטונדען שפעטער איז דער סטרייק געסעטעלט געווארען. די פירמע האט באצאהלט 25 דאלאר שטראף און האט פארשפראכען, דאס מעהר וועט דארט אזעלבעס ניט פארקומען.

די לעמטעקס קלאוק קאמפאני האט אליין געשניטען די באנדעלס. די יוניאן האט איינינגע מאל איהר געוואארענט אנצושטעלען א קאטער, אבער זי האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג. דער שאפ איז אפגעשטעלט געווארען און נאך איין טאג סטרייקען האט די פירמע איינגעשטימט אנצושטעלען א יוניאן־קאטער.

די פירמע פאול בראדערס האט באשעפטיגט איינינגע ניט־יוניאן פינישערס. די יוניאן האט איהר איינינגע מאל אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם און פארלאנגט, ענטוועדער די פינישערס זאלען ווערען מיטגלידער פון דער יוניאן, אדער די פירמע זאל זיי אפזאגען פון דער ארבייט. אבער די פירמע האט זיך אלץ געמאכט ניט וויסענדיג און דער שאפ איז דערקלערט געווארען אין סטרייק. נאך איינינגע שטונדען סטרייקען איז די פירמע בעסער געווארען. די פינישערס זיינען ארונטערגעשיקט געווארען און אויף זייער פלאץ האט די יוניאן ארויפגעשיקט יוניאן־פינישערס.

די פירמע וואלטער קירשנער האט פאר עטליכע וואכען צייט די ארבייטער ניט געצאהלט קיין וויידזשעס און מען האט געמוזט אפשטעלען דעם שאפ, ביז די פירמע האט באצאהלט די ארבייטער וואס זיי איז געקומען.

און אזוי ווי איהר זעהט, געהט א גאנצער ליסט מיט אזעלכע פאלען, וואו די שעפער האבען געמוזט דערקלערט ווערען אין סטרייק, אום פשוט צו צווינגען די באלעבאטים אפצוהיטען די יוניאן רולס, כדי אויפצוהאלטען די יוניאן־קאנדישאנס אין די שעפער.

אבער דאס איז בלויז איין טייל פון דער טעטיגקייט, פון וועלכער דער רעפארט האט צו דערצעהלען.

דאן קומט א גאנצער צעטעל פון „דיסטשארדזש קייסעס" און רעאינסטייטמענטס, און פון יעדען „אייטעם" באזונדער קאן מען זעהן, מיט וועלכער איבערגעבענהייט עס ווערט אין דעם אפיס געארבייט פאר'ן בענעפיט פון די ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט אין די שעפער וואס שטעהען אונטער'ן קאנטראל פון ברודער סלוצקי'ס אפיס.

ווי דער שטייגער איז פעהלט אויך ניט אין דעם רעפארט א ליסט פון „בעק פעי קאלעקשאנס". די גאנצע סומע באטרעפט 3.518.05 דאלאר פאר א משך פון זעקס וואכען צייט איז עס א גאנץ באדייטענדע סומע.

אין דעם רעפארט געפינט זיך אויך אן „אייטעם" „פיינס". דאס הייסט, געלט־שטראפען. עס ווערען אנגעגעבען די פירמען, וואס זיינען באשטראפט געווארען צו באצאהלען געוויסע געלט־סומען, פאר ניט נאכקומען די יוניאן־רולס אין די שעפער, וועלכע זיי זיינען פארפליכטעט נאכצוקומען, לויט דעם אגרימענט וואס זיי האבען געמאכט מיט דער יוניאן. די געלט־שטראפען זיינען פון אכט ביז צוויי הונדערט דאלאר. אין דעם צעטעל געפינען זיך 15 פירמען און די גאנצע סומע וואס איז פון זיי איינגעמאהנט געווארען באטרעפט 549 דאלאר.

אין דעם רעפארט איז אויך דא א צעטעל מיט נייע שעפער וואס האבען זיך לעצטענס אויפגעמאכט אין דעם דיסטריקט, מיט וועלכע דער אפיס האט געסעטעלט און געמאכט זיי פאר יוניאן שעפער. דרייצעהן נייע שעפער זיינען געסעטעלט געווארען און די פירמען האבען געגעבען קעש־סעקיוריטי, אז זיי וועלען האלטען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן. די גאנצע סומע סעקיוריטיס באטרעפט 1260 דאלאר.

קורץ, עס איז א רעפארט פול מיט ציפערן און פאקטען, וואס דערצעהלען פון א לעבעדיגער יוניאן־טעטיגקייט אין דעם אפיס, פאר וועלכער עס קומט קרעדיט ברודער א. סלוצקי, דער מענעדזשער פון דעם אפיס מיט'ן גאנצען סטעף ביזנעס־אייזשענטס און קלוירקס, וואס זיינען דארט באשעפטיגט.

מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל!

אויב איהר ווילט זיך אנשליסען צום ארבייטער אוניווערזיטעט, אדער אין די יוניטי סענטערס, דארפט איהר גלייך זיך איינשרייבען, ענטוועדער אין אפיס פון אייער לאקאל יוניאן, אדער אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סט.

טעאטער טיקעטס צו האלבע פרייזען.

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט געמאכט אראנזשמענטס מיט'ן אידישען קונסט־טעאטער, אונטער דער דירעקציאן פון מאריס שווארץ, דאס די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס זאלען באקומען טיקעטס פאר א האלבען פרייז. זיי וועלען באקומען צוויי טיקעטס פאר דעם פרייז פון איינעם. דאס איז גילטיג פאר מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג אווענט און שבת און זונטאג מאטינע.

אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט, ווערען ארויסגעגעבען סיזאן־קארדס, וואס מען דארף ווייזען אין באקס־אפיס פון טעאטער. א קארד קאסט בלויז 5 סענט. צו דעקען וואס עס קאסט צו דרוקען די קארטען.

מעדיצינישע פראגען און ענטפערס

פון דר. דזשרדזש מ. פרייס

א שטיקעל הקדמה:

אין דעם יוניאן העלטה סענטער ווערט געגעבען לעקטשורס איבער געזונדהייטס־פראגען. עס איז דארט אויך דא א העלטה־סקול מיט העלטה אווענדען, און אויף דיזע אווענדען ווערען פון די באזוכער געשטעלט פראגען, אויף וועלכע זיי באקומען אן ענטפער און אונז שיינט, דאס דיזע פראגען און ענטפערס וואלטען געווען אינטערעסאנט, און אויך ניצליך, פאר די לעזער פון די „גערעכטיגקייט".

און דאס פאנג איך אן טאקע גלייך, און עס וועט פארטגעזעצט ווערען פון צייט צו צייט, מיט דער ערלויבניש פון רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט".

גלייכצייטיג וויל איך באקאנט מאכען, דאס אין דעם קאלום וועל איך אויך ענטפערען אויף אינטערעסאנטע, מעדיצינישע פראגען, וואס די לעזער וועלען צושיקען. די פראגען זאלען געשיקט ווערען דירעקט צום יוניאן העלטה סענטער, 131 איסט 17טע סטריט, נ. י. יארק. די פראגען קאנען געשריבען ווערען אויף אידיש אדער ענגליש.

* * *

און איצטער צו די פראגען און ענטפערס.

פראגע: ווי אזוי היילט מען נערוועזנעס?

ענטפער: נערוועזנעס איז ניט קיין קרייננק. עס איז בלויז א סימפטאם און דאס קאן פאראורזאכט ווערען פון פיעלע קאנדיציאנען וואס איז שייך צום געזונט. איינע פון די הויפט אורזאכען איז, דער איצטיגער, אנגעשטרענגטער לעבען פון די ארבייטער, די אומזיכערקייט פון באשעפטיגונג און די שווערינקייטען וואס זיינען פארבונדען מיט'ן „מאכען א לעבען." אויב די נערוועזנעס ווידערהאלט זיך אפט, דארף מען זיך לאזען אונטערזוכען פון א נערוון־ספעציאליסט. געוועהנליכע פאלען פון נערוועזנעס קאנען געהאלפען ווערען, און א מאל אויך אויסגעהיילט ווערען, ווען מען גיט גוט אכטונג, אויפ'ן עסען, ווען מען מייד אויס צו רויכערען, און טרינקען צופיל קאפע און טהעע; עס איז גוט צו נעמען קאלטע שאוערס, אדער קאלטע איינרייבונגען אין דער פריה. עס איז אויך גוט צו נעהמען א שפאציר אין דער פרישער לופט איידער מען געהט שלאפען, און האלטען אפען די פענסטער אין רום וואו מען שלאפט.

פראגע: ווי אזוי קאן מען פארקלענערען דאס געוויכט, אדער ווערען מאגערער?

ענטפער: גאנץ איינפאך. מען דארף עסען ווייניגער. קיין בעסערע רפואה צו דעם איז ניטא. נעהמט ניט פאר דעם קיינע מעדיצינען אדער אנדערע רפואות פאר „אפעטרונג". קערפערליכע באוועגונג און ווייניגער עסען זיינען די איינציגע מיטעל ניט צו ווערען פעט, און צו ווערען מאגערער ווען מען איז פעט.

פראגע: קאן מען ליידען פון טובערקולאזיס אין די לונגען און ניט וויסען פון דעם?

ענטפער: יא. פיעלע ארבייטער קומען אין אונזער יוניאן העלטה סענטער פאר אן אלגעמיינע אונטערזוכונג, אדער בלויז דערפאר, ווייל זיי פיהלען זיך א ביסעל שוואך, און ווען מען עקזאמינירט זיי געפינט מען אויס, אז זיי זיינען אנגעשטעקט פון קאנסאמפשאן, אמאל אין לייכטער פארם און אמאל אין א שווערער. פון ערפאהרונג וויסען מיר, דאס עס זיינען דא א סך ארבייטער וואס ליידען פון טובערקולאזיס קראנקהייטען, כאטש זיי אליין וויסען דאס גאר ניט.

פראגע: וואס פאראורזאכט קאלטע פיס?

ענטפער: קאלטע פיס קריגט מען, ווען דאס בלוט צירקולירט ניט גוט אין די אדערען. דאס בלוט דערגרייכט ניט די סאמע אונטערשטע גלידער און זיי בלייבען קאלט. ווען דאס איז שטענדיג אזוי, קאן דאס זיין א צייכען פון קראנקהייט. מען קאן דאס היילען דורך קערפערליכע איבונגען, דורך שפאצירען אין דער פרישער לופט, דורך קאלטע איינרייבונגען, דורך טראגען ווארימע זאקען און צולייגען צו די פיס א בעג מיט הייסע וואסער.

נאך אנדערע פראגען און ענטפערס א צווייטען מאל.

גערענקען וועגען ארבייטער-בילדונג צום נייעם יאהר

פון פאניא מ. כאהן

די ערנסטסטע מענשען געפינען אמאל צייט זיך א ווייטע אפצושטעלען באטראכטען וואס מען האט אין דער צייט דאס גוט מען, געוויינליך, צום נייעם יאהר.

די מענשען, וואס דענקען און טוען, ווען זיי קומען צום שפּיגעלבאלאנס פון יאהר, מאכען זיי א בליק צוריק אויף דעם וועג וואס זיי האבען דורכגעגאנגען; זיי גיבען זיך אפּ א חשבון, וואס זיי האבען אויפגעטאן און וואס זיי האבען איבערגעלאזען ניט פארענדיגט; וועלכע פון זייערע שטרעבונגען זיינען פארווירקליכט געווארען, און וועלכע זיינען נאר אליין פארבליבען א שטרעבונג.

באזונדערס ווערט עס געטאן אין דער איצטיגער צייט, ווען אונזער ציוויליזירטע וועלט איז שטארק צורודערט, ווען די אלטע ווערטען ווערען איבערגעשעצט, אנגענומענע מיינונגען ווערען איבערגעווארפען, און נייע ווערען אנגענומען. די מענשליכע ראסע איז איצטער אויפ'ן „שיידוועג" צווישען דאס אלטע און דאס נייע.

עס קומען איצט פאר גרויסע אומענדערונגען, כאטש דאס האט נאך ניט אנגענומען קיין באשטימטע פארם, — עס קאן נאך געדויערען עטליכע דורות ביז עס וועט אננעהמען א באשטימטע פארם.

די „אייראפעאישע ציוויליזאציע" — דער שטאלץ פון א גרויסען טייל פון דער מענשהייט, — שטעלט ניט צופרידען אונזערע איצטיגע נויטען און פארלאנגען. די וואס שטודירען געשיכטע זעהען דאס אנריקען פון אומענדערונגען אין דער געזעלשאפט און מאנכע רוהען אויף דעם מיט שרעק, אנדערע מיט פרייד.

די געשיכטע לערענט אונז, דאס יעדער אומבייט אין דעם עקאנאמישען און סאציאלען געבוי פון דער געזעלשאפט, ברענגט מיט זיך אן אומבייט אין מענשליכען דענקען, און אזא צייט ענטשטעהען נייע גרופען, וועלכע ווערען די אנפיהרער פון די נייע קרעפטען און טייטשען אליין אויס דורך זייערע אידעאלען, ציהלען און שטרעבונגען.

מענשען מיט א קוק אויף דער געשיכטע זעהען דאס אנקומען פון נייע צייטען, פון נייע איינריכטונגען אין דער וועלט; זיי זעהען דאס נייע גרופע מענשען, וועלכע האבען א וויזשאן, וועלכע באגרייפען וואס ארום זיי קומט פאר און האבען די פעהיגקייט צו פארמולירען א פראגראם, — קומען אן איבערצונעהמען די פיהרונג פון דער וועלט. עס איז גאר ניטא קיין מיינונגס-פארשידענהייט וועגען דעם, וועלכע גרופע וועט פארמולירען דעם פראגראם פאר דער מענשהייט און איבערנעהמען די פיהרונג פון דער וועלט. יעדער דענקענדער מענש, צי ער איז מיט דעם איינפארשטאנען אדער ניט, מוז צוגעבען, דאס דער ארבייטער-קלאס, וועלכער טראגט אויף זיינע פלייצעס די גאנצע אינדוסטריע, איז די גרעסטע מאכט אין דער מאדערנער עקאנאמישער געביידע, וואס קאן אויף זיך נעהמען די פאראנטווארטליכקייט פאר דער צוקונפטיגער געזעלשאפט.

און עס פרעגט זיך: זיינען די ארבייטער גרייט דערפאר? פארשטעהען זיי די פאראנטווארטליכקייט? קאן די פיהרונג פון דער וועלט זיי אנגעטרויט ווערען? קאן מען ערווארטען, אז זיי וועלען ברענגען די געזעלשאפט צו א העכערער מדרגה פון אנטוויקלונג?

די פראגען שטעלט מען די ארבייטער פון ביידע זייטען: אי זייערע פריינד און אי זייערע שונאים. און דער בעסטער ענטפער אויף די פראגען איז: די עדוקיישאנאל טעטיגקייט, וואס די טרייד יוניאנס אין יוראפ און אמעריקא פיהרען איצטער אן. און דיזע טעטיגקייט דארף וואס ווייטער אלץ מעהר אויסגעשפּרייט ווערען.

די ארבייטער-בילדונג האט איצט פאר זיך א גרויסע פונקציע, א זעהר וויכטיגע מיסיע. זי דארף דערהויבען די ארבייטער צו א העכערער שטופע, זי דארף אין זיי אויפוועקען העכערע ציעלען און שטרעבונגען; איהם געבען העכערע אידעאלען און איהם פארפערטיגען צו זיין דער באלעבאס פון דער וועלט.

די בילדונג, וואס ווערט איצטער פארשפּרייט צווישען די ארבייטער, פון זייערע טרייד-יוניאנס, ענטוויקעלט ביי זיי א נייעם באוואוסטזיין, א נייעם באגריף פון ברודערליכקייט. זיי הויבען אן פארשטעהן, דאס די בילדונג, וואס זיי באקומען, דארפען זיי באנוצען צו דינען די געזעלשאפט, ניט נאר פאר זייער אייגענעם נוץ. די בילדונג, וואס די ארבייטער באקומען אין זייערע קלאסען, שטרעבט צו העלפען זיי באשאפען פאר זיך נייע ווערטען.

דער נייער יאהר געפינט די ארבייטער-באוועגונג פון דעם לאנד שטארק פארנומען מיט דעם געדאנק פון ארבייטער-בילדונג. די ארבייטער-באוועגונג איז גרייט די טעטיגקייט פארצוזעצען, צו פארשפּרייטען וואס ווייטער אלץ מעהר און מעהר, עס זאל דערגרייכען אלץ א גרעסערער צאהל פון די מיטגלידער פון דער יוניאן.

אין דער ריפּער מאכער יוניאן לאקאל 17

נאך דעם, ווי דער „וואהל-קאמפּיין" אין אונזער לאקאל האט זיך געענדיגט, און מיר האלטען שוין ביי'ם „אינסטאלליישאן", האבען מיר ענטדעקט, אז דער קלאסען-קאמף האט זיך נאך ביי אונז ניט געענדיגט. פארקערט, ער פאנגט זיך ערשט אן.

מיר פאנגען אן דעם נייעם יאהר מיט נייע סטרייקס, און גאנץ ערנסטע סטרייקס. מיר האבען יעצט א פאר הונדערט מיטגלידער אין סטרייק, און פיליכט וועט זיך נאך דערמיט ניט ענדיגען.

מיר האבען אין סטרייק דעם שאפּ פון ד. פענקין און קא. דיזער שאפּ האט פלוצלינג אויסגעשלאסען אלע ארבייטער, אונטער דער פרעטענזיע אז ער געהט ווערען א דזשאבער. נאטירליך האט די יוניאן געענטפערט מיט א סטרייק. ס'איז אפילו געוועזען א פארדראסיגע זאך, אז אין דער משפחה פון דזשארדזש פענקין זאל זיך געפינען א קרוב, וואס מאכט לאקאוטס. אבער דאס איז זיכער ניט אונזער שולד. יעדע משפחה קען אמאל האבען א שווארצע שעפּס.

מיר האבען אויך אין סטרייק דעם שאפּ פון ראזענפעלד בראס. און ראזענבערג. אין דיזען שאפּ איז פארגעקומען דער זעלבער פאל ווי אין דעם שאפּ פון ד. פענקין, נאר מיט א קלייגער ענדערונג. נעמליך, אין דיזען שאפּ האבען זיך די פארטנערס צוטיילט, נאר אנשטאט יעדער פון זיי זאל עפענען א שאפּ, זאגען זיי נאר, אז זיי ווערען דזשאבערס. אלץ די זעלבע מכה. ווער א פליג, ווערט א דזשאבער. עס וואונדערט אונז בלויז ווער עס וועט מאנופעקטשורען, ווען אלע וועלען זיין דזשאבערס.

מיר האבען א סטרייק געגען דער פירמע א. פיינמאן און סאן. די פירמע וויל ווערען א דזשאבער. די יעניגע פון אונז, וואס זיינען אביסעל נעהענטער באקאנט מיט דעם כאראקטער פון דיזער פירמע, קוועטשען אייגפאך מיט די פלייצעס. זיי טראכטען זיך: ווער קען דאס וועלען ארבייטען פאר אזא דזשאבער. נאטירליך, וועט איהם די יוניאן געבען א פייט. אבער עס איז שוין א קלאג צו אמעריקא, אז דער קלאסען-קאמף דארף זיך אויסדריקען אין א שלאכט געגען אזעלכע העכט.

מיר האבען א סטרייק געגען דער פירמע הערשעל און פרעכטעל. דיזע צוויי באסעס האבען נאך קיין צייט ניט געהאט אנצוווארעמען זיך אין דער אינדוסטרי. ערשט לעצטען יאהר זיינען זיי געווארען „מאנופעקטשורערס". מען שאצט ביידענס קאפּיטאל אין א דאזען קנעפּלאך, און דאך — זיי ווילען ווערען דזשאבערס.

דעם אמת געזאגט, מיר גלויבען, אז עס וועט באלד ווערען א שאנדע פאר איינעם, וואס האט טאקע א פאר דאלאר, צו זאגען, אז ער איז א דזשאבער, ווייל א דזשאבער, לויט דער יעצטיגער טענדענץ, וועט מיינען ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי א פּיש פעדלער.

מיר קענען אייך אויסרעכענען נאך א צאהל שעפּער, וועלכע זיינען אין סטרייק, אבער דער פּלאץ ערלויבט אונז ניט. און אגב ווילען מיר ניט אנפאנגען מיט אומעטיגע זאכען אויפ'ן נייעם יאהר. מיר וועלען דא נאר דערמאנען נאך איין שאפּ, וועלכער האט זיך א קער געטאן אויפ'ן קרומען וועג. דאס איז דער שאפּ פון דער דזשוואוועניל בלאנק קאמפּאני. אויף דיזען שאפּ פארדריסט אונז ווירקליך, ווייל די פירמע איז אן אלטע, איינגעפונדעוועטע פירמע, די ארבייטער דארטען זיינען ניט פון דעם סארט, אויף וועלכע די פירמע האט זיך געקענט באקלאגען. פארוואס דיזע פירמע וויל נאר ווערען א דזשאבער פארשטעהען מיר ווירקליך ניט, אבער ווער קען דאס היינטיגע צייטען מעסטען דעם גערענקען-גאנג פון די מאנופעקטשורערס. היינטיגע צייטען קענט איהר דיזע משוגה'דיגע געשעהעניסען ערווארטען. ווייל קיין זאך איז ניט נארמאל, און די מאנופעקטשורערס זיינען דאך אויך ניט מעהר ווי לעבעדיגע מענשען. זיי ווערען אנגעגריפען, רעדען זיך איין פארשיידענע נארישקייטען, פאנגען אן צו בליימען פאר אלעם די ארבייטער און פארטיג.

די יוניאן קען אבער ניט צולאזען דעם פרייען שטראם אט פון דיזע צייט-קאפּריזען. די יוניאן מוז באשיצען דעם שטיקעל ברויט פון דעם ארבייטער. און אט אזוי ארום האבען מיר א האלבען דזשענעראל סטרייק.

ווי לאנג דיזער צושטאנד וועט אנהאלטען ווייסען מיר ניט. ווי עס ווייזט אויס, וועט זיך באלד אנהויבען זעהן לאנג. ווייל דער סעזאן דערנעהענטערט זיך, און אין סעזאן, ווייסט איהר דאך, — ענדערט זיך אלעס געוועהנליך צום גוטען.

דיזען דאנערשטאג אווענט האבען מיר אינסטאלליישאן פאר אונזער ניי-ערוועהלטער עקזעקוטיוו באארד. ברודער שלעזינגער, ברודער באראף, ברודער יאנאווסקי און ברודער פיינבערג וועלען דעם מיטינג אדרעסירען. מיר ערווארטען א שעהנעם מיטינג און א שעהנע אויפנאהמע פאר אונזערע גוטע געסט.

דזש. העלער.

דעזיינינג סקעטשינג
רעדוצירטע רעיטס
א פולער קורס — $75.00
איהר קאנט ווערען אן ערפאלגרייכער פעטערן-מאכער און גארמענט-סקעטשער אין 3 מאנאט צייט, אויב איהר שרייבט זיך איצט איין אין דער גוט באוואוסטער
מאדערן פעשאן סקול
פעטערן-מייקינג, גריידינג, סקעטשינג, דרייפּינג פון ליידיס, מיסעס און טשילדרענס גארמענטס.
זעהר פראקטישע מעטאדען.
א לייכטע סיסטעם. עקספּערט אינסטרוקטארס.
מעסיגע פרייזען. לייכטע צאהלונגען.
קומט איינגעד וועלכען אווענט, פון 6 ביז 9: שבת נאכמיטאג, פון 2 ביז 6.
THE MODERN FASHION SCHOOL
104 W. 43rd St., Bet. B'way & 6th Ave.

LLOYD SABAUDO
3 State Street
נייע טראנסאטלאנטיק קאונט ראוז
פון ניו יארק נאך יוראפ.

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער
62 איסט 106טע סטריט,
צווישען פארק און מעדיסאן עוום.
צו פארדינגען א גרויסען האל
קאן אריינגעמען 600 מענשען
פאר קאנצערטען, בעלער, פארשטעלונגען, חתונות און אז. וו.
אויך אפיסעס און מיטינג רומס
אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט
טעלעפאן: הארלעם 9020.

וועכענטליכער קאלענדאר

אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט, וואשינגטאן אירווינג הייסקול, אירווינג פלייס און 16טע סטריט.

שבת, דעם 6טען יאנואר.

1.30 בייטאג — „סאציאלע קרעפטען אין דער ליטעראטור". — דר. ה. לייאנס.

2.30 בייטאג — „לייבאר און טרייד-יוניאניזם, טרייד-יוניאן פאליסים און טאקטיק", — י. סאפאס, לעהרער.

זונטאג, דעם 7טען יאנואר.

10.30 אין דער פריה — „פסיכאלאגיע און צייט-פראגען" — א. פיטשהאנדלער.

11.30 — „פאליטישע און סאציאלע געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאטען", — דר. ה. י. קארמאן.

אין די יוניטי סענטערס.

מאנטאג, דעם 8טען יאנואר.

8.30 — וועסטסייד יוניטי סענטער, פאבליק סקול 40, 320 איסט 20טע סט., רום 303. „די אינדוסטריעלע געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאטען", דר. מארגארעט דעניעלס, לערער.

בראונזוויל יוניטי סענטער. — פאבליק סקול 84, סטאן און גלענמאר עוועניו, רום 310. „די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און די טרייד יוניאן באוועגונג אין אמעריקא". מיס טערעזא וואלפסאן, לערער.

דינסטאג, דעם 9טען יאנואר.

8.30 אווענט — הארלעם יוניטי סענטער, פאבליק סקול 171, 103טע סט., לעבען 5טע עוו., רום 406: עקאנאמיקס, סאלאן דעליאן, לעהרער.

8.30 אווענט — לאוער בראנקס יוניטי סענטער, פאבליק סקוהל 43, בראון פלייס און 135טע סט., רום 305: „עקאנאמיע און די ארבייטער-באוועגונג", סילוויא קאפאלד, לעהרער.

מיטוואך, דעם 10טען יאנואר.

8.30 אווענט — איסט סייד יוניטי סענטער, 4טע סט., לעבען 1טע עוו., רום 404: „מאדערנע עקאנאמישע אינסטיטוציאנען", א. ל. ווילבערט, לעהרער.

8.30 אווענט — בראנקס יוניטי סענטער, פאבליק סקוהל 61, קראטאנא פארק איסט און שארלאט סט., רום 501: „די אנטוויקלונג פון אינדוסטריע און טרייד יוניאנס אין אמעריקא", טהערעזא וואולפסאן, לעהרער.

וועסט סייד יוניטי סענטער. — פאב. סקוהל 40, אום 6 אוהר, פיזיקעל טריינינג, מיס לארעטא ריטער, אינסטראקטאר.

פרייטאג, דעם 12טען יאנואר.

8 אוהר אווענט: פאבליק סקול 150, קריסטאפער עוו. און דזשעקסאן סט., „סאציאלע פסיכאלאגיע", דר. מארגארעט דעניעלס, לערער.

צווייטער בראנקס יוניטי סענטער — פאבליק סקול 42, וואשינגטאן עוו. און קלערמאנט פארקוויי.

וויליאמסבורג יוניטי סענטער — פאבליק סקול 147, בושוויק עוו., און מעקיבען סט., ברוקלין.

דיזע קורסען וועלען פארטגעזעצט ווערען דורכ'ן סעזאן אין זעלבען פּלאץ און אין דער זעלבער צייט. איינטריט איז פריי פאר אונזערע מיטגלידער.

אויסער דעם ווערט געלערנט ענגליש פאר אנפאנגער און „אדוואנסד" ענגליש אין אלע אונזערע יוניטי סענטערס, מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך אווענט.

איינטריט פריי פאר מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל.

עקסטענשאן דיוויזשאן. — לעקטשורס אין אידיש.

שבת, דעם 6טען יאנואר — אין די קלאב רומס פון לאקאל 1, 1881 וואשינגטאן עוו., בראנקס, ב. וולארעס וועט לעקטשורען איבער: „די צוקונפט פון די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג."

זונטאג, דעם 7טען יאנואר — מאקס לעווין וועט לעקטשורען איבער: „די עקאנאמישע געביידע פון דעם איצטיגען סיסטעם."

מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל וואס וואוינען אין די בראנקס זיינען געלאדען צו קומען צו די לעקטשורס. עס מאכט ניט אויס צו וועלכען לאקאל זיי באלאנגען. אלע זיינען ווילקאמען.

דאנערשטאג, דעם 11טען יאנואר — א לעקטשור אין ענגליש, אין דער אינטערנעישאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סט.

די וועלט אין וועלכער מיר לעבען

(אן אינזעקטען־קאמעדיע)

פון זשאזעף און קארל קאפעק.

איבערזעצט פון ש. יאנאווסקי.

(אלע רעכטע פון שפילען אין דער איבערזעצונג פארבאהאלטען פון וויליאם ברײדי און ש. יאנאווסקי)

דער פארשפיל.

סצענע: אן אפענער פלאץ אין מיטען וואלד.
כאראקטערע: וואגאבונד און געלערטער.

וואגאבונד (קומט אריין האלב־שכור׳לאך אין וואלד, פארהאקט זיך און פאלט): כא, כא, כי־כי, א שפאס, הא? אבער איהר דארפט ניט לאכען. איך האב זיך גארניט צו־שעדיגט. (ער שפארט זיך אן אויף זיינע עלענבויגענס.) איהר, איהר, איהר דענקט, אז איך בין שיכור? הויבט זיך גארניט אן. איך זיץ גאנץ פעסט. איהר האט דאך געזעהן, ווי גאנץ געלאסען איך בין געפאלען. ווי א בוים, ווי א העלד. איך האב אויסגעפיהרט דעם אקט פון דעם מענשען׳ס פאלען. וואס פאר א ספעקטאקעל! (ער זעצט זיך אויף.) וואס? איך קען ניט שטעהן אויף מיינע פיס? ניין, ניט איך, נאר אלעס ארום מיר איז שכור, דרעהט זיך, דרעהט זיך, ווי אין א ראד. כא, כא, גענוג, דאס מאכט מיך פיהלען שלעכט. (קוקט זיך ארום.) וואס איז דאס? אלעס דרעהט זיך ארום מיר. די גאנצע וועלט דרעהט זיך ארום מיר. כלעבען, צופיל כבוד פאר מיר. (מאכט צו־רעכט זיינע קליידער.) זייט מיר מוחל, איך בין ניט געקליידט אזוי, אז איך זאל פאסען פאר די ראליע פון א מיטעל־פונקט, ארום וועלכען אלעס דרעהט און באוועגט זיך. (מוט א שליידער זיין היטעל אויף דער ערד.) אט דאס איז דער מיטעלפונקט. דרעהט זיך ארום מיין היטעל. איהר וועט עס אסור שארען. לאמיר נאר זעהן, וואו האלט איך? א, יע, איך ווייס, איך בין געפאלען אונטער מיין משא, און איהר בוימער און בלומען האט טאקע געמיינט, אז איך בין שכור. אבער בלאזט ניט אזוי פון זיך מיט אייער ניכ־טערקייט! זיי לעגען דיינע בלעטלאך אויף וואונדען, ווע־ראניקא, ווארט איך וועל ארויפלעגען מיין הארץ אויף דיר. איך זאג ניט, אז איך בין ניט שכור. וואלט איך געהאט ווארצלען, ווי דו, וואלט איך ניט ארומגעוואנדערט איבער דער וועלט, ווי א סרעמפ. אט וואס־עס־איז. איך בין גע־ווען אין דער גרויסער מלחמה, האב אויך געקאנט לאטיין, און איצט קען איך טאן אלע זאכען: אפרייניגען דעם מיסט, קערען די גאסען, זיין א וועכטער, צאפען ביר, און וואס נים? אלעס, וואס אן אנדערער וואלט ניט געוואלט טאן. איצט ווייסט איהר, ווער איך בין. אלזא, וואו האלט איך? אה, יע, איך ווייס. יע, דאס בין איך. מען קען מיך איבעראל. איך בין א מענש. קיינער רופט מיך ניט עפעס אנדערש. זיי זאגען צו מיר: „מענש, איך וועל דיך ארעסטירען", אדער: „מענש, מאך עס ריין, טו פאר מיר דאס, יענעס". און איך באליידיג מיך ניט דערמיט, וואס איך בין א מענש. ווען איך אבער וואלט געזאגט צו אימיצען: „מענש, גיב מיר 10 סענט", וואלט ער זיך באליידיגט. אבער מיר ארט עס נים. אויב ניט, אלס מענש, וועל איך איהם באטראכטען, ווי א שמעטערלינג, ווי א זשוק, אדער ווי א מילב. וואס מאכט עס מיר אויס? א מענש אדער א פליג — פאר מיר זיינען זיי אלע גלייך. איך וויל קיינעם ניט מאכען בעסער, ווי זיי זיי־נען, ניט די פליג און ניט דעם מענשען. איך בין בלויז א צושויער. וואלט איך געהאט ווארצלען אין דער ערד, וואלט איך געקוקט אין הימעל. (הויבט זיך אויף אויף די קניע.) ביז מיין לעצטען טאג פון לעבען וואלט איך געקוקט אין הימעל. אבער איך בין א מענש, מוז איך קוקען אויף מענשען (שטעלט זיך אויף, קוקט זיך ארום.) און איך זעה זיי...

געלעהרטער (לויפט אריין מיט א נעץ): הא, הא, הא, הא! וואס פאר א פרעכטיגע עקזעמפּיארען. אפאטריורא איריז, אפאטיורא קליטהיא, די געפארבטע דאמע און דער ליכט־בלויער שמעטערלינג. הא, הא, וועלכע פרעכטיגע בא־שעפעניסען! אה, ווארט נאר, איך וועל אייך פאקען. הא, הא, זיי זיינען שוין ווידער אוועקגעפלויגען, הא, הא, פאר־זיכטיג, גאנץ, גאנץ שטיל.

וואגאבונד: כי, כי, צו וואס כאפט איהר די שמעטערלינגעס? א גוטען טאג אייך, מיין הער!

געלעהרטער: שש, פארזיכטיג, שטיל, ריהרט זיך ניט. זיי האבען זיך אויף אייך אוועקגעזעצט. האלט זיך שטיל. זיי זעצען זיך אויף אלץ, וואס גיט ארויס פון זיך א ריח. אויף בלאטע, אויף מיסט. פארזיכטיג, זיי רא־כען זיך געזעצט אויף אייך. אהא, אהא!

וואגאבונד: לאזט זיי. זיי שפילען זיך.

געלעהרטער: וואס, שפילען זיך? זייער שפילען־זיך איז בלויז א פארשפיל צום פארען־זיך. דער זכר יאגט זיך נאך דער נקבה; די כלה דרעהט זיך ארויס, און דערמיט ציהט זי איהם נאך מעהר צו. דער פארפאלגער קיצעלט איהר מיט זיינע פינגער, און זינקט ארונטער אין גאנצען פארמא־טערט. די נקבה פליהט ווייטער. א נייער, א געזינטערער, א שטארקערער זכר וועט קומען. די נקבה דרעהט זיך אויס, פארפיהרט, דער ליבהאבער נאך איהר. אהא, אהא, איהר פארשטעהט מיך? אט דאס איז די נאטור. דער אייביגער ליבעס־קאמף. דאס אייביגע פארען־זיך. דער אייביגער גע־שלעכטס־צירקעל. שש, פארזיכטיג!

וואגאבונד: און וואס טוט איר מיט זיי, ווען איהר כאפט זיי?

געלעהרטער: וואס איך טו? אבער דער שמעטער־לינג דארף ווערען קלאסיפיצירט, פארצייכענט און ער קריגט א באשטימטען פלאץ אין מיין קאלעקציע. אבער דער בלומען־שטויב טאר ניט אפגעריבען ווערען. די נעץ מוז זיין פון גאנץ דעליקאטען געוועב. דער שמעטערלינג דארף גאנץ פאר־זיכטיג געטויט ווערען, ווען זיין ברוסט ווערט צושמעטערט, און דאן ווערט ער ארויפגעשטעקט אויף א שפילקע, און בא־פעסטיגט מיט פאפיר־פאסען, און דאן ווערט ער איינער פון דער קאלעקציע, ווען ער איז ריכטיג אויסגעטריקענט, איהר פארשטעהט? ער דארף באשיצט ווערען פון שטויב און מאל. דערצו לעג איך אריין א קליינעם שוואם פון קייאנייר אין די שמעטערלינג־קעסטעל.

וואגאבונד: אבער צוליב וואס דאס אלעס?

געלעהרטער: ליבע צו דער נאטור, מענש, וואס איהר זיינט! אהא, אט זיינען זיי שוין דא! הא! הא! פארזיכטיג! שטיל! הא! הא! איהר וועט זיך פון מיר ניט ארויסדרעהען. (לויפט אוועק.)

וואגאבונד: אייביגעס פארען־זיך, אייביגער ליבעס־קאמף! אזוי איז עס, שטענדיג איז פארונגס־צייט, ווי עס האט געזאגט דער געלעהרטער. איהר מוזט מיר מוחל זיין, וואס איך בין שכור. אבער, אפשר דערפאר זעה איך אלעס אזוי גוט און קלאר. אלעס איז צווייפאכיג, אלעס אין פארען. דא, דארט און איבעראל. אלעס אין פארען: וואלקענס, קא־מארעס און בוימער, אלעס אומארמט זיך און ליבט זיך, רייצען זיך און יאגען זיך. פויגעלאך אין די בוימער־שפיצען, איך זעה אייך, איך זעה אייך, איך זעה אלעס, און איהר צוויי, דארט אין שאטען, איך זעה אייך צונויפפלעכטענדיג אייערע פינגער, קעמפענדיג הייס און צארט. זאל קיינער פון אייך ניט דענקען, אז איך זעה אייך ניט פון דאנען. דאס איז אן אייביג פארען־זיך. זייט מיר מוחל, איך בין שכור, אבער עהרליך. (פארדעקט די אויגען.) איך זעה גארניט. טוט, וואס איהר ווילט. איך וועל א געשריי טאן, איידער איך וועל מיינע אויגען עפענען. (פינסטערניש.) אלעס שטרעבט צו פארען־זיך, נאר דו, שטעהענדיג דא אין דער פינסטער, אליין, אליין וואנדערסטו דיין קרומען וועג! אומזיסט וועסטו אויפהויבען דיינע הענד צו דעם ליבעס־שפיל. גענוג. אבער איהר זאלט האבען פארגעניגען איינער פון אנדערען. פאר דעם שעץ איך אייך. דאס איז א גוטע זאך, און דער נאטור׳ס קלוגער אופן, ווי דער געלערנטער האט געזאגט — אלעס שטרעבט צו פארען־זיך. איצט זעה איך דעם געבענשטען ליבעס־גארטען באדעקט מיט בלומען. (דער הינטער־פארהאנג הויבט זיך אויף.) וואו יונגע פארלאך, שעהנע צווילינגס־באשעפענישע, שמעטער־לינגע, געטראגען פון דער ליבעס־לוסט און ענטציקענדען פלי־הען, טרייבען אונאונטערבראכען דאס אייביגע פארען־זיך, ווייל אלעס געלוסט צו פארען־זיך. (ער פארדעקט זיינע אויגען. די סצענע ווערט באלויכטען.) וואו בין איך?

(פארזעצונג פאלגט)

זיין א דזשורידיקשאן פראגע, נאר איך גלויב עהרליך, אז צענדליגע טויזענדע ארבייטער וועלען שרעקליך ליידען. צו באגרינדען דאס ערלויבט מיר אלס א שאפ־ארבייטער אייך דערצעהלען פון מיין ערפאהרונג אין די שעפער, און איך בין איבערצייגט, אז אין א נאכפראגע צווישען די ארבייטער וועט איהר געפינען א באשטעטיגונג.

כ׳האב לעצטען ספרינג געארבייט אויף קייפּס ניט נאר סילקענע נאר טאקע פון קלאטה, אזעלכע וואס מען האט פריהער אין קיין דרעס שעפער ניט געזעהן. איך האב געפיהלט נייגעריג, אז דאס איז די ארבייט פון די קלאוקמאכער. און ווען מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין א קלאוק שאפ האב איך געפונען די זעלביגע אר־בייט דארטען. אבער דאס איז נאך גאר ניט. עס ווערען געמאכט 3 פיעס־דזשע־קעטס, אבער טאקע א דזשעקעט מיט אלע פיטשיוועס, מיט אלע קונצען פון א קלאוקמאכער דזשעקעט. פרעגט זיך א פראגע ווי לאנג דארף דאס געדויערען צו ספעציאליזירען אזוי אז מיר זאלען ארויסוואקסען די קלאוקמאכער פון דער ארבייט, אדער אין בעסטען פאל צו צו־ברעכען די ליניע וואס טיילט אונז יעצט פאנאנדער? וועט דאס געדויערען 10—12 יאהר אדער וועט נאך אזא זאך פאסי־רען פיל פריהער? און האבען מיר א טראכט געטאן פון די קאנזעקווענצען פון אזא ערשיינונג?

אדער נעמט אזא פאל: אין א קלאוק הויז ווערט געמאכט אויך דרעסעס. פון אנפאנג רעכנט דער מאנופעקטשורער, אז בלויז קלאוק אפערייטארס קענען אויס־ארבייטען אזא דרעס, ווייל זי האט אין זיך אזעלכע קונצען וואס ער רעכנט, אז מיידלאך וועלען דאס ניט קענען באוויי־זען, נאר אט באווייזט זיך א קאנטראק־טאר און לאכט זיך פאנאנדער פון דעם „גרינעם" מאנופעקטשורער און קלערט איהם אויף, און טאקע מיט אמת׳ע פאק־טען... ער באווייזט איהם די דרעס פרא־דוצירט און טאקע א סך, א סך ביליגער... האט איהר א טראכט געטאן וועגען אט די דאזיגע ערשיינונגען? האט איהר א טראכט געטאן וועגען די קאנזעקווענצען? איך גלויב אז איך פארשפאר זיך מעהר פארברייטען. די ארגומענטען זיינען נאך מיין מיינונג גענוג צו איבערצייגען, אז די צייט פון צוויי באזונדערע דזשאינט באארדס איז אוועק און וואס פריהער מען וועט דערקענען דעם אמת אלץ גע־זונטער פאר אונז אלעמען וועט עס זיין. די דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער מוז יעצט, טאקע שוין, אריינ־נעמען די דרעסמאכער און ברענגען אלץ צו א טאלק.

מענדעל בלום, מעמבער ל. 22.

נייע באארד און דירעקטארען אין ארבייטער רינג קאאפע־ראטיווע בעקעריי אין בראנקס.

מיט א שטיקעל צייט צוריק איז אין ניו יארק אפגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ פון די ברענטשעס, וועל־כע זיינען שערהאלדערס פון דער א. ר. קאאפעראטיווע בעקערי אין די בראנקס. די קאנפערענץ איז געווען זעהר גוט בא־זוכט, און די דעלעגאטען האבען ארויס־געצייגט, אז זיי נעהמען א נאהענטען אינטערעס אין דעם ווייטערדיגען גאנג און אנטוויקלונג פון א דער א. ר. קאאפע־ראטיווע אונטערנעמונג.

שיפלאקאוו האט געהאלטען אן אינ־האלטסרייכע רעדע וועגען קאאפעראצי־אן, און ערמוטיגט די פיאנערען אין דער גרויסער אונטערנעמונג. ער האט אין זיין רעדע אנגעדייטעט, אז יעדע קאאפע־ראטיווע אונטערנעמונג האט אין אנפאנג מעהר שוועריגקייטען ווי א פריוואטע אונטערנעמונג, ווייל אויסער דעם, וואס דער כאראקטער פון קאאפעראטיווע אונ־טערנעמונג אונטערשיידעט זיך אזוי רא־דיקאל פון פריוואטע געשעפטען, האט א קאאפעראטיווע אונטערנעמונג באזונדע־רע שוועריגקייטען אין קויפען און פאר־קויפען פראדוקטען. די פריוואטע אונ־טערנעמער זעהען אין יעדער קאאפערא־טיווער געזעלשאפט א שטארקען צוקונפ־טיגען קאנקורענט, און זיי סטארען זיך מיט אלע מיטלען צו לייגען די קאאפערא־טיווע אונטערנעמונג שטיינער אויף דעם וועג, באלד, אין אנפאנג פון איהר עקזיס־טענץ. די פיאנערען פון יעדע קאאפע־ראטיווע געזעלשאפט טארען דארום ניט זיין ענטמוטיגט פון אזעלכע שטערונגען, נאר ווייטער אנגעהן מיט זייער ארבייט.

א באריכט פון דער טעטיגקייט פון דער בעקערי איז אפגעגעבען געווארען פון ב. לעווינטאן, מענעדזשער, און פון מ. איוועננסקי, סעקרעטער פון דער א. ר. קאאפעראטיווע געזעלשאפט.

א ווארימע רעדע איז אויך געהאלטען געווארען פון גאלדשטיין, ארגאנייזער פון דער בעקער יוניאן.

וועגען דעם פינאנציעלען צושטאנד פון דער א. ר. קאאפעראטיווע בעקערי, איז ברייט דעבאטירט געווארען, און עס איז קלאר געווארען פון די פארשיידענע באריכטען, אז די געשעפטליכע זייט פון דער בעקערי ווער טיעצט אוועקגעשטעלט אויף א סך געזינטערען באזים. די קאנ־פערענץ האט איינשטימיג באשלאסען אנ־צוגעהן ווייטער מיט דער ארבייט און זעהן אנגעווענדען אלע כחות צו פארגרע־סערען אט די א. ר. קאאפעראטיווע בע־קערי.

פאלגענדע זיינען ערוועהלט געווארען אין דער נייער באארד און דירעקטארס:

ז. טשעכנאוויץ — פרעזידענט; מ. דייוווידאף — טרעזשורער; מ. גינז־בורג — וויים־פרעזידענט; ס. איוועננ־סקי — סעקרעטער.

פריימאן, פון בר. 39; י. גאלדשטיין, פון בר. 201; קאומאן, פון בר. 136; פינקעלשטיין, פון בר. 216; קליינארט, פון בר. 548; קאפלאן, פון בר. 501; הארוויץ, פון בר. 411.

י. באסקין, גענעראל סעקרעטער פון א. ר., איז ערוועהלט געווארען אלס עה־רען־מיטגליד פון דער באארד און די־רעקטארען.

פריינד באסקין האט אינסטאלירט די נייגעוועהלטע באארד און דירעקטא־רען און זיי געווינשט ערפאלג אין דער צוקונפטיגער ארבייט.

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

וועגען די וואהלען אין דער קלאוקמאכער יוניאן.

ווערטער רעדאקטאר:

עס איז פאריבער די כררת עלעקשאנס אין אונזער יוניאן. איך ווייס ניט ווי אויף יענעם, אויף מיר האבען זיי געמאכט א טרויעריגען און אין דער זעלבער צייט האמישען איינדרוק. עס שטעלט זיך מיר די פראגע: וואס איז דער זין אין דעם גאנצען טאראראם, — מיט דעם קאמפיינעווען, מיט די פלייט־מעטאדען? ווי פיל נייע ביזנעס איידזשענטס זיינען עלעקטעט געווארען נאך אזוי פיל מיה און אויסגאבען? צי קען מען איבערהויפט דורך די עלעקשאנס, ווי זיי ווערען יעצט דורכגעפירט, ערוועהלען בעסערע, פעהיגערע ביזנעס־איידזשענטס און פארטרעטער אין די לאקאלע עקזעקיוטיוו באארדס?

לאמיר באטראכטען צוערשט די עלעקשאנס פאר ביזנעס איידזשענטס. ווי פיל ביזנעס איידזשענטס קען דער דורכשניטליכער שאפ ארבייטער פערזענליך? געוועהנליך קען ער דעם, וועלכער אטענדעט צו זיין שאפ, עטליכע פון זיין אייגענעם לאקאל און אפשר צופעליג נאך א פאר. און די באקאנטשאפט מיט דיזע געוועהלטע ביזנעס־איידזשענטס זיינען פאר איהם אויך אן איבערפלעכליכע. דער מעמבער קען בלויז האבען א מיינונג וועגען דעם, וועלכען ער זעהט ביי דער ארבייט און דאס איז וועגען איינעם אדער צוויי. יעצט שטעלט זיך פאר: מען אפעלירט בעפאר די עלעקשאנס צו די וואוטערס, צו זייער אינטעליגענץ און אויפריכטיגקייט זיי זאלען ערוועהלען די פעהיגסטע, די פאסענדסטע, אבער וואס זאל ער טאן? מען דערלאנגט איהם א באלאט — א ליסטע פון וועלכע זיבציג אדער אכציג נעמען פון מענשען, וועלכע ער קען ניט און ווייסט ניט און דער מעמבער פאלט אריין אין א נארישע הילפלאזע לאגע! דער אויפריכטיגער מעמבער קוקט אויף דעם לאנגען צעטעל ווי אויף א בלינדע זאך. געוועהנליך געפינט זיך שוין נעבען איהם אימיצער, וועלכער העלפט איהם ארויס אין דיזער פארלעגנהייט, דאס איז א פריינד אדער פאטריאט פון דעם אדער יענעם קאנדידאט און ער זאגט אן: וואוט פאר דעם, פאר יענעם... זיי — זאגט ער — האבען געמאכט גוט, אדער וועלען מאכען גוט. וויפיל מיר איז באקאנט איז דאס די סיטואציע, וועלכע שטעהט פאר דעם גרעסטען צאהל וואוטערס אין דער יוניאן.

מיט לאקאלע עלעקשאנס פאר עקזעקוטיוו באארד פארטרעטער איז די לאגע ניט פיל בעסער. עס ווערען ארויסגעשטעלט עטליכע טוצען נעמען ביי עטליכע סעקשאן מיטינגען. געוועהנליך זיינען מעהר אדער ווייניגער פאפולער די יעניגע וועלכע זיינען אין אמט אבער ניט יעדער נייער קאנדידאט האט די מעגליכקייט פארשטעלען זיך פאר די מעמבערס, ארויסציינען זיינע פעהיגקייטען, זיין וויסען און קענען די יוניאן פראבלעמען, די פעהיגקייט צו ריידען און איבערציינען און קעמפען מיט ווארט פאר זיינע מיינונגען, קורץ ארויסציינען און באקאנט מאכען זיינע אייגענשאפטען; ברייט פאר די מעמבערס וועלכע דארפען אורטיילען וועגען זיין פאסיגקייט צו פארטרעטען דעם אמט.

אין פאליטישע קאמפיינס ווערט אנגעפירט א זאגענאנטע פאר־וואהל אגיטאציע און דער לויפענדער קאנדידאט מאכט זיך פאפולער אויף צעהנדליגע מיטינגען אין סטרים קארנערס פון זיין דיסטריקט. אין אונזערע יוניאנס איז עפענטליך אזא זאך ניטא. אין דער צייט פון נאמינעישאן ביז עלעקשאן זייען די קאנדידאטען שטום. עס פאלט קיינעם ניט איין, אז ס'וואלט נויטיג געווען א געוויסע גייסטיגע קאנקורענץ צווישען די לויפענדע קאנדידאטען. וואצו? זיינען דען אין דער יוניאן דא פארטייען אדער פראקציאנען, וועלכע זאלען אנציינען באזונדערע פראגראמען, ריכטונגען, ווי אין פאליטישע קאמפיינס?

דער געדאנק איז איינפאך. די בעסערע מענשען, וועמענס אקטיוויטעט איז מעהר באקאנט צו די מעמבערס, וועלען קריגען די גרעסערע צאהל שטימען. אין דער ווירקליכקייט קומט עס אבער פאר אנדערע. דאס לענייעסען אין אינטיירען פאר יעדען קאנדידאט ווערט א פריוואטע, אדער געהיימע זאך. דער קאנדידאט, וועלכער האט גוטע פריינד אדער פעהיגע לענייעסערס האט בעסערע שאנסען עלעקטעט צו ווערען, ווי דער שטילער וואס האט ניט קיין חוצפה איינצורייסען די אויגען און באניצען זיך מיט שרייענדע און אויך הייליגע מעטאדען.

פאר די לעצטע פאר יאהר איז אבער אין אונזערע יוניאנס צוגעקומען א נייע פארט טאקטיק אין עלעקשאנס. דאס איז די בלאק־מעטאדע. אין וואס באשטעהט דיזע „איננאוועישאן"?

עס ווערט אפגערעדט א צעטעל מיט קאנדידאטען אונטערגעשריבען פון א קאמיטע אין נאמען. געוועהנליך צייכענט מען זיך אונטער „אקטיווע גרופע" אדער אן אנדער פסעוודאנים. דיזע קאמיטע „נאמינירט", אז די קאנדידאטען, וועלכע זי רעקאמענדירט, זיינען די עהרליכסטע, די פעהיגסטע. עס ווערען אויך ארויסגעלאזען ליפלעטס מיט קריטיק אדער פארדאמונג פון איינצעלנע קאנדידאטען אדער אמאהלס אויף דער גאנצער אלטער אדמיניסטראציע. אויב די אקטיווע גרופע האלט זיך „לינק" פארדאמט זי אלעס רעכטס, מעהרסטענטיילס ווערט רעקאמענדירט צו ערוועהלען אלע נייע און דורכוואדפען אלע אלטע. עס פארשטעהט זיך, אזעלכע אומווירדיגע, שעדליכע מעטאדען שאפען א סיטואציע פון ברודער קאמף, א קאמף וועלכער איז ניט באזירט אויף וועלכע עס איז פרינציפען. עס ווערט אריינגעבראכט דער גיפט פון אינציטרוי און באשולדיגונגען, און וועלכע פילע מעמבערס זיינען געניינט איינצוזייען ווערען אדער גלויבען בלינדערהייד.

אויב אין דער יוניאן עקזיסטירט נאך א דאנק עקאנאמישע אומשטענדען אונצופרידענהייט איז דער באדען פאר ברודער קריג פרוכטבארער פאר די, וועלכע זוכען צו באנוצען זיך מיט איהם. און אין טאג פון עלעקשאן ווערט א דאנק דעם א גרעסערע צוטיילונג פאר אדער געגען דער אדער יענער גרופע. עס איז קיין פראגע אז אזעלכע שטרייטען אין דער יוניאן ברענגען דעם גרעסטען שאדען, ווייל עס ברענגט אריין טומלעניש אין די מוחות, אנשטאט מיט דעם כח פון געשלאסענער איינגקייט טאן גוטע קאנסטרוקטיווע ארבייט. עס ווערט געשאפען א פאלשע און קראנקע סיטואציע.

עס איז דאך פאלש צו באהויפטען, אז אלע אלטע באאמטע זיינען אונפעהיג אדער אונפארטרייליך און אז אלע נייע באזיצען דעם טאלאנט פון פיהרער. עס איז אויך ניט אמת, אז ווען די נייע וועלען ערוועהלט ווערען וועלען זיי מאכען רעוואלוציעס און אויפשטעלען די יוניאן אויף נייע יסודות.

די יסודות, אויף וועלכע די יוניאן איז באזירט, זיינען געזונטע און לעבענספעהיגע. אהן צווייפעל, עס זיינען אימער דא איבלען אפצושאפען, עס איז דא פלאץ פאר אויסבעסערונגען, אבער יעדע נייע רעפארמע אין דער יוניאן קומט אלס א נאטירליכע ענטוויקלונג, אלס א רייפע פארערונג, וועלכע וואקסט אויס אויף דעם געזונטען באדען, אויף וועלכען די יוניאן עקזיסטירט און פראגרעסירט פון יאהר צו יאהר.

אין דעם שיין פון דיזע אנגעצייכענטע ערשיינונגען אין דעם יוניאן־לעבען קום איך צום שלוס, אז אין דער פראגע פון עלעקשאנס פאר באאמטע דארף אריינגעבראכט ווערען קלארהייט און טאלעראנץ. עס טאר ניט זיין אימער די פריוויילעגיע פון אלטע באאמטע, באצאהלטע אדער אונבאצאהלטע, א דאנק זייער אפילו אמת פארדינטע פאפולאריטעט, זיין די זיגער אויפ'ן באלאט. עס מוז זיין פלאץ פאר פרישע קרעפטען.

ווי אזוי קען עס געטאן ווערען? עס דארף געגעבען ווערען די געלעגענהייט אלע נאמינירטע קאנדידאטען צו דעמאנסטרירען זייערע פעהיגקייטען, ס'זאלען אראנזשירט ווערען ספעציעלע קאמפיין מיטינגען, דיסקוסיאנען איבער וויכטיגע טרייד יוניאן פראגען. זאלען די קאנדידאטען אויף דער פלאטפארמע ארויסציינען זייער פערזענליכקייט, זייער וויסען, זייער שטעלונג צו דיזער פראגע. זאלען זיי אויף אזא אופן באקאנט ווערען צו די מעמבערס, וועלכע דארפען אורטיילען וועגען זיי אין טאג פון עלעקשאן. און דאן וועט דער עלעקשאן זיין ווירקליך א פרייער אינטעליגענטער קאנטעסט און די בעסערע פון די בעסטע וועלען ערוועהלט ווערען.

מ. סלאווין, מעמב. לאק. 35

די דרעס מאכער געהערען צום דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכערס יוניאן

ווערטער רעדאקטאר!

איבערלעזענדיג אייער „נאטיץ" וועגען דער לאקאל 22 — 23 פראגע האב איך שוין געהאט באשלאסען אייך צו פאלגען, און דאס טאקע איבערלאזען צו די קאנפערענץ קאמיטעס, אויסצוקעמפען אין די שטילע קאנפערענץ צימערן. נאר עפעס קען איך דאך ניט פארבייגעהן אט די קאלטקייט אייערע צו דער דאזיגער העכסט־וויכטיגער פראגע. עפעס פיהלט זיך אז איהר דערזאגט ניט א סך. א סך וואס איהר וואלט זאגנסט געוואלט, אדער געקענט זאגען. איך קען איבערהויפט ניט פארשטעהן די ארט און וועיזע ווי איהר באהאנדעלט די דאזיגע פראגע. מילא אז די טוער, גרויסע און קליינע, ווארפען די שולד איינע אויף די אנדערע און מען ארגומענטירט איבער זאכען וועלכע, נאך מיין מיינונג, האבען קיין שום שייכות ניט מיט דער עצם פראגע — יא, זאג איך, אז זיי טוען דאס, קען איך דאס נאך זיי פארגעבען, ווייל נאך אלעמען זיינען זיי אזוי אריינגעטאן — „פאליטיש" אזוי צו זאגען — אין דער פראגע, אז זיי האבען קיין צייט און, מיר דוכט זיך, קיין פארלאנג זיך פאנאנדער פלאנטערען און זיך גאר איינגאנצען שטעלען די פראגע: וואס האט אונז געבראכט צו די דאזיגע קאנפערענצען? אבער איהר, ווערטער רעדאקטאר, האט איהר שוין יע באשלאסען צו נעמען א האנד אין דער פראגע פארוואס זשע אזוי אויבערפלעכליך? פאר וואס־זשע אפילו ניט אנריהרען די פראגע און אונז העלפען קומען ניט בלויז צו א דערוויילעגער פארשטענדעניס, נאר טאקע אונז העלפען זיך פאנאנדער פלאנטערען און קומען צו א טאלק.

לאמיר אקארשט זעהן וואס זיינען די אורזאכען וואס טרייבען צו א פאראייניגונג? איז דאס טאקע ווירקליך דערפאר וואס לאקאל 23 האט א פאר טויזענד דרעסמאכער אין איהר לאקאל. וואס האט געבראכט די דאזיגע פראגע צום פראנט? איז דאס אפשר דערפאר וואס לאקאל 23 האט א צאל געסעטעלטע שעפער אויף איהר רעקארד וואס טרייבט צו קאנפערענצען פון די צוויי לאקאלען? מיר דוכט זיך אז ניין, ניט דאס איז די טרייב קראפט. אפילו ניט דאס וואס עס עקזיסטירט אין נאמען צוויי דרעס־לאקאלען וואס דאס איז געגען דער קאנסטיטושאן פון דער אינטערנעישאנאל. ווייל וואלט דאס זיין דער פאל, וואלט די אינטערנעישאנאל שוין לאנג געמאכט א סוף צו דער פראגע. ווייסען מיר דאך, אז די אינטערנעישאנאל האט שוין „געסעטעלט" גרעסערע דזשורישדיקשאן פראגען ווי פארשמעלצונגען פון צוויי לאקאלען פון איין און דערזעלבער אינדוסטריע.

קומען מיר אבער צום שלוס אז ניט דאס זיינען די אורזאכען מוזען מיר ווענדען אונזערע אויגען צו די ריכטיגע אורזאכען און קוקען דעם אמת גלייך אין פנים. און בלויז דאן ווען מיר וועלען זיך אליין ניט וועלען פארבלענדען און אוועקמאכען אלעס מיט דער האנד, בלויז דאן, קענען מיר האפען אויף ערפאלג. דאן וועט שוין במילא אוועקפאלען אזא אונוויכטיגע פראגע: ווער וועט געהן פריהער איך צי דו? מיט דעם גאנץ שעדליכען אונצוטרויען פון איינעם צום צווייטען וואס דערגעהט באלד צו שאנדע...

און כדי צו קענען קומען צו א ריכטיגען שלום מוזען מיר אנשטאט א לאקאל פראגע אוועקשטעלען די פראגע א סך ברייטער: וואס איז די דרעס אינדוסטריע? און אויב מיר וועלען זיך אין דער פראגע פאנאנדער פלאנטערען וועט דאס שוין במילא אונז פיהרען צום לאגישען שלום.

מיט דער פראגע מיין איך אין קורצען, אז מיר מוזען נעמען אין אנבאטראכט די ענטוויקלונג פון דער דרעס אינדוסטריע און איהרע מעגליכקייטען, ווייל בלויז א דאנק דעם וואס מיר זיינען געבליבען בלינד און נים נאכגעפאלגט איהר אנטוויקלונג, איז יעצט דא א לאקאל פראגע און איך בין יעצט איבערצייגט, אז אויב מען וועט גלאט מאכען א פאראייניגונג, ד. ה. איבער טרענספערירען די מעמבערס פון לאקאל 23 אין דער דרעסמאכער דזשאינט באארד וועט ניט אוועקגעהן עטליכע יאהר און די פראגע וועט ווייטער מוזען קומען צום פראנט.

דער שרייבער פון דיזע צייל ען האט אין 1920, אין דער וואך פון קאנווענשאן, געהאט א בריף אין דער „גערעכטיגקייט" געווידמעט דער זעלבער פראגע און ניט נאר בין איך דאן גערעכט געווען מיט דער פאדערונג, אז מיר מוזען געהען אין דער דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער, נאר די לעצטע צוויי יאהר האבען מיינע ארגומענטען פיל באפעסטיגט. ווי איך וועל דאס טרייען אין קורצען צו איבערגעבען.

אין דעם בריף פון וועלכען איך רעד דא האב איך דאן געטרייעט אנצוציינען פון וואנען האט זיך גענומען צוויי לאקאלען פון דרעסעס און מיר זאלען צו דעם נאך צוגעבען דעם פארטשריט וואס די אינדוסטריע האט געמאכט די לעצטע 2—3 יאהר וועט זיך נאך מיין מיינונג באקומען דער נאטירליכער ענטפער.

אין קורצען איז עס ווי פאלגט:

די דרעס אינדוסטריע איז אין גרונד גענומען נאך גאר א יונגע. ס'איז נאך גאר ניט ווייט די צייט ווען לאקאל 25 האט „געבליהט" אלס א ווייסט לאקאל, איהרע קעמפע, איהרע זיגע האבען געהאט א באדייטענדען איינפלוס אויף דער גאנצער אינטערנעישאנאל. זיי זיינען געוועזען די אינספיראציע פאר דער פעסטער ארגאניזירונג פון דער קלאוק אינדוסטריע. פילע געדענקען נאך ווי מען האט זיך געהייסען פון די „מיידלאך" נעמען א ביישפיל. און בלויז 12 — 14 יאהר נאך אזא גרויסער טעטיגקייט איז כמעט פון ווייסטען קיין זכר ניטא, ניט דערפאר ווייל מען האט די ווייסטען פארטריבען אין די קליינע שטעטלאך נאר פשוט די גרויסע אינדוסטריע איז אונטערגעגאנגען און איהר פלאץ האט פארנומען די דרעס. יעדער מאנופעקטשורער פון ווייסטען האט אנגעפאנגען מאכען דרעסעס. און אזוי ארום איז לאקאל 25 פון ווייסטען פלוצלונג אויסגעוואקסען אין א דרעס לאקאל. און עס איז שוין דערפאר אויך געוועזען נאטירליך ווען סקוירט מאנופעקטשורערס האבען זיך אויך „געכאפט" צו דרעסעס, ווייל גלייך מיט דער ווייסט איז אויך געפאלען די סקוירט, איז אנשטאט דאן גלייך נאכצופאלגען די שנעל שפרייזענדע אינדוסטריע און האלטען די ארבייטער צוזאמען, האט דער לאקאל 23 פון די סקוירטס זיך אויך גענומען פאר דרעסעס. און נאטירליך מען האט זיך דאמאלסט איינגערעדט אז עס איז גאר צוויי באזונדערע סארטען דרעסעס. אבער דאס איז טאקע בלויז געוועזען אן אויסרייד, ווייל יעדער האט געקענט פשוט מיט די אויגען זעהן אז עס איז קיין גרויסע אונטערשיד ניטא און דער ארבייטער וואס קען ארבייטען ביי איין סארט וועט קענען מיט א קליינער אנשטרענגונג אויך ארבייטען ביי א צווייטען סארט. און יעצט קען שוין אפילו דער אויסרייד אויך ניט זיין. ווייל די ליניע איז אבסאלוט א צובראכענע, ניטא מעהר קיין צוויי סארטען. קיין ברעקעל אונטערשיד ניטא. די דרעס האט זיך אזוי ספעציאליזירט אז עס איז אוועקגעפאלען יעדער קליים פון א אונטערשיד, און יעדער ווייס גאנץ גוט אז ארבייטער פון לאקאל 23 ארבייטען אין לאקאל 22 שעפער. און פארקערט, לאקאל 22 מעמבערס ארבייטען אין לאקאל 23 שעפער. און עס איז נאטירליך, אז די פראגע האט געמוזט קומען צום פראנט. ווייל ווען לאקאל 23 האט געסעטעלט איהרע שעפער אויף וואך־ארבייט מיט א מינימום פון 50 דאלער א וואך, האט לאקאל 22 געארבייט אונטער א שטיק סיסטעם. און די מאנופעקטשורערס וואס האבען געסעטעלט מיט לאקאל 23 האבען פאר קיין פאל ניט געקענט נאכקומען די ארבייט באדינגונגען און דער רעזולטאט איז א גאנץ טרויעריגער. איך צווייפעל צי אפילו מיט דעם יעצטיגען סטרייק פאר וואך־ארבייט וועט מען קענען גוטמאכען דעם פעהלער. ווייל אלע פארשטעהן, אז קיין 50 דאלער מינימום וועט די דרעסמאכער דזשאינט נים קענען פאדערן. מיינט דאס גאנץ פשוט אז מיר האבען פארלוירען... ווייל איך בין איבערצייגט אז וואלטען די דרעסמאכער צו יענער צייט געשטאנען אין דער קלאוקמאכער דזשאינט באארד וואלט מען יעצט געהאט דעם זעלביגען סקייל וואס די קלאוקמאכער. א פאקט איז דאך, אז פאר א טייל דרעסמאכער האט מען דאס יע געקראגען. און עס איז שוין דאן קיין אונטערשיד אין די סארטען ניט געוועזען...

דאס איז זיך איין זייט פון דער פראגע, אז מיר קוקען זיך צו צו וואס עס האט פאסירט אין די לעצטע 2—3 יאהר מוזען מיר קומען צום שלוס, אז עס קען קיין גרעסערער פארברעכען נים באגאנגען ווערען ווי האלטען די דרעסמאכער אין א באזונדערער דזשאינט באארד.

פאר די לעצטע 2 — 3 יאהר האט זיך אנגעפאנגען באווייזען (ניין יעצט איז דאס שוין פיין ענטוויקעלט) נייע סיינס אויף די פעקטארי בילדינגס, אנשטאט ווי עס פלעגט אמאל זיין: „ווייסט ענד דרעסעס" אדער „סקוירטס ענד דרעסעס" זעהען מיר שוין יעצט: „קלאוקס סוטס ענד דרעסעס" וואס דאס מיינט איז גאנץ פשוט: אז די קלאוק מאנופעקטשורערס האבען זיך אויך גענומען צו דרעסעס... די נאטירליכע פאלגען איז פארשטענדליך. אויב מיר זאלען די זאך אוועקמאכען מיט דער האנד, אדער דאס טרייען סעטלען „פאליטיש". [illegible]

צו דער גאמפערס און בעקער-דעבאטע

א בייטראג פון ש. יאנאווסקי.

8.

יעדע יוניאן אין יעדען לאנד, אויסער אין פוילאנד אונטער דעם באלשע־וויסטישען רעזשים — און דאס שוין ניט איצט, נאר א"ץ זיין ערשטער פעריאדע — איז א פרייוויליגע ארגאניזאציע. דאס מיינט, אז דער ארבייטער געהערט צו דער יוניאן, ווייל אזוי וויל ער; ווייל ער גלויבט, אז עס איז אין זיינע אינטערע־סען צו זיין פאראייניגט מיט די ארביי־טער פון זיין פאך אין א שטארקע ארגא־ניזאציע. אלעס, וואס ער טוט, אום שטארקער צו בויען זיין ארגאניזאציע, איז מיט זיין פרייען ווילען. ער איז ניט גע־צוואונגען פון אן אויסערליכער מאכט צו געהערען צו דער יוניאן.

אזעלכע איז יעדע יוניאן טעא־רעטיש. אמת, די יוניאן אליין ווענדעט אן א געוויסען צוואנג; אבער ווי באלד די יוניאן שטעלט מיט זיך פאר דעם ווי־לען פון דער מאיאריטעט פון איהרע מיט־גלידער, הערט נאך צוליב דעם די יוניאן ניט אויף צו זיין א פרייוויליגע ארגאניזא־ציע. ווארים יעדער מיטגליד, וואס שליסט זיך אן אן אזא קאמף־ארגאניזאציע, נעמט אויף זיך גאנץ באוואוסטזיניג די פליכט זיך אונטערצואווארפען אלע באשליסע פון דער מאיאריטעט.

מיר ריידען דא ניט, אלזא, פון דער מאכט, יא, פון דער צוואנג־מאכט, וועל־כע קומט פון דער יוניאן גופא. די איז נאטירליך און נויטווענדיג, נאטירליך אין גאנץ באשטימטע גרעניצען. ווען אבער דער צוואנג אויף די יוניאן־מיטגלידער ווערט פראקטיצירט פון א גאנץ אויסער־ליכער מאכט, דאן קען עס גאר אנדערש ניט זיין; אז דער עצם פון דער יוניאן, אלס א פרייוויליגע ארגאניזאציע, זאל שטארק געשעדיגט ווערען, און דערמיט זאל אויך אריינגעבראכט ווערען א גאר שטארקע דעמאראליזאציע אין דער יוניאן גופא.

דער ארבייטער שליסט זיך אן אן די יוניאן ניט ווייל ער וויל געהערען צו א געוויסען קלוב, וואו ער זאל פארברייגען זיין פרייע צייט אין דער געזעלשאפט פון מענשען, וועלכע זיינען צו איהם נאהענט. גוט, ווי עס איז אט דער צוועק, אבער ניט דאס האט דער ארבייטער אין זינען, ווען ער שליסט זיך אן אן דער יוניאן. וואס ער האט יא אין זינען, און וואס מען זאגט איהם אויך צו אין פארשידענע רעדען, ציימונגען, איז דאס אין פאל ער וועט זיך נויטיגען אין א שוץ געגען זיין אר־בייטס־געבער, וועט ער עס געפינען אין זיין יוניאן.

לאגישערווייזע מוז ער דערפון דריינ־

געז, אז די יוניאן און דער ארבייטס־גע־בער זיינען ניט קיין גרויסע גוטע פריינד. אז די יוניאן איז דער פריינד פון דעם אר־בייטער, אבער ניט פון דעם ארבייטס־געבער. נון, עס איז לייכט זיך פארצו־שטעלען, ווי שטארק דער ארבייטער מוז ווערען ערשטוינט, ווען ער געפינט באלד אויס, אז עס איז גאר דערזעלבער אר־בייטס־געבער, וועלכער נעהמט צו פון איהם די דיוס, און גיט עס איבער אין די יוניאן! ווי איז עס מעגליך? פרעגט ער זיך. איך געהער צו דער יוניאן מיט מיין פרייען ווילען, איך וויל אויך צאהלען מיינע דיוס, מיינע אכעסמענטס, אבער אליין פרייוויליג. גלויבט מיר אבער ניט מיין יוניאן, און שטעלט אן דעם אר־בייטסגעבער אלס קאלעקטאר, אלס מיין צווינגער!

וואס מעהר ער טראכט זיך אריין אין דעם ענין, אלץ מעהר מוז ער קומען צום שלוס, אז זיין אייגענע יוניאן, וועלכע האט אלס איהר פרינציפ „איינער פאר אלע און אלע פאר איינעם" אין קאמף מיט דעם ארבייטס־געבער, האלט איהם אונטער פארדאכט, גלויבט ניט אין זיין לאיאליטעט צו דער יוניאן, און ווער ווערט אנגעשטעלט, אז ער זאל בלייבען געטריי צו דער יוניאן? דוקא דער באס, דער ארבייטס־געבער, דער ארטש־פיינד, געגען וועמען די יוניאן איז עס אויפגע־בויט געווארען!

דער געדאנק מוז נויטווענדיגערווייזע ארויסרופען פון זיין זייט א פארדאכט געגען דער יוניאן: אפשר איז די מעשה גאר א ליגען, אז די יוניאן עקזיסטירט פאר דעם צוועק, ווי מען האט עס איהם ערקלערט? אפשר זיינען גאר די יוניאן און דער ארבייטס־געבער שותפים מיט דעם צוועק צו האלטען איהם, דעם אר־בייטער, פעסטער אונטער'ן קנאפעל?

און מיט דער צייט געפינט ער אויס גאר פילע פאקטען, וועלכע באשטעטיגען, לויט זיין מיינונג, זיין פארדאכט. צום ביישפיל, ער צאהלט דיוס, אסעסמענטס, אבער זיין מעמבער־ביכעל איז גאר ביים באס. ער געהערט צו א יוניאן, אבער ער ווערט קיינמאל ניט, אדער זעהר זעל־טען, גערופען צו א מיטינג. און ווערט ער אמאל יא גערופען צו א מיטינג, ווייס ער אז ער איז אין גאנצען מאכטלאז. ווארים אלעס, וואס ער טוט פאר די יוניאן, איז דאך ניט מיט זיין פרייען ווילען נאר ווייל ער איז געצוואונגען.

איך קען ניט פארגעסען אן א געווי־סען פאל אין לין, מאססאטשוזעטס. איינ־מאל, זייענדיג דארט אויף א לעקטשור, איז פאר דער לעקטשור געקומען צו מיר א גאנצע קאמיטע פון א מענשען פופציג, מיט א גרויאמער און געוויין געגען זייער יוניאן, די בוט און שוה ווארקערס יוניאן. זיי זיינען יוניאן־לייט, אבער צו א מיטינג ווערען זיי קיינמאל ניט גערופען. דער באס קאלעקטירט פון זיי די דיוס, און וואס ער וויל נאר, פיהרט ער אויס ביי די פיהרער פון דער יוניאן, אזוי, דאס פראקטיש קומט אויס, אז די פיהרער און באסעס זיינען פארטנערס. די מענשען האבען פשוט געוויינט מיט ביטערע טרע־רען: וואס זאלען זיי טאן? סטרייקען? ווילען די פיהרער גלייך צושטעלען אנ־דערע ארבייטער, ד. ה., פשוט ווערען סקעב־אגענטען פאר די באסעס, און דאס נאך אונטער דעם מאנטעל פון יוניאניזם. זאלען זיי גרינדען אן אפאזיציאנס־יו־ניאן, איז עס זיי זעהר שווער, און דער־צו וועט עס דאך הייסען, אז זיי צושפאל־טען די ארבייטער־איינינקייט, וועלכע עס האט געקאסט אזוי פיל מיה אויפצובויען. א חוץ אלעמען, וועט זייער יוניאן שטעהן אפגעריסען פון דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג, א זאך, וואס זיי וואלטען זעהר ניט געוואלט, אלס דענקענדע און פארט־געשריטענע ארבייטער. דולדען און שוויי־גען? אבער ווי קענען זיי, ווען זיי זע־העז מיט זייערע אייגענע אויגען, אז די יו־ניאן־פיהרער פשוט פארקויפען זיי.

איך האב דאן געגלויבט, אז דאס איז אן אויסנאמס־פאל אין דער יוניאן־וועלט, און איך האב זיי געראטען פארצוברייג־גען דעם פאל פאר דער עפענטליכקייט, פאר די הויפט־פארשטעהער פון דער אר־בייטער־באוועגונג. איצט אבער ווייס איך, אז דער דאזיגער פאל איז בשום אופן ניט קיין אויסנאהם; אז אין גאר פילע פעלע איז דער ארבייטס־געבער דער צושטעלער, דער גאראנטאר פאר די דיוס.

דאס ברייגגט, דאס מוז אזוי זיין, אז דער ארבייטער, דער יוניאן־מאן, אנשטאט צו פיהלען זיך אין שאפ אלס פרייער אר־בייטער, פיהלט זיך באמת אלס שקלאף. ער קען ניט ערווארטען, דאס ווען ער וועט קומען מיט א קריוודע צו זיין יוניאן, וועט די־יוניאן זיך פאר איהם אננעהמען. פאר איהם איז די יוניאן פארקערפערט אין די פאר פיהרער, מיט וועמען דער אר־בייטס־געבער האט גאנצע חשבונות, גע־

שעפטען, און ער ווייס, אז אין די מעהר־סטע פעלע וועט ער בלייבען דער אינ־גערעכטער, און ער וועט נאך ווערען דיס־ציפלינירט. נאטירליך, פון יוניאן אויס־שליסען זיך קען ער ניט, ווייל דאס וואלט געמיינט פאר איהם פארלירען זיין ברויט. בלייבט ער אין דער יוניאן, אין וועלכער דער באס צאהלט איין פאר איהם אלעס, וואס קומט פון איהם, אבער אין זיין האר־צען זאמעלט זיך אן אלץ מעהר און מעהר האס צו דער יוניאן, און אזוי ווערט דער סאמע פונדאמענט פון דער יוניאן גאר שטארק, שטארק אונטערגעגראבען.

מיט יאהרען צוריק, אונטער דעם רע־זשים פון דעם „פראטאקאל" אין דער קלאוק־אינדוסטריע, איז די קלאוקמאכער יוניאן געווען אין אן ענליכער לאגע. די ארבייטער האבען זיך געפיהלט כמעט ווי פרעמדע צו זייער יוניאן, כאטש קיינ־מאל, קיינמאל איז ניט געקומען דערצו, אז אירגענד וועלכע פיהרער פון דער קלאוקמאכער יוניאן זאלען האנדלען אזוי, ווי די דאמאלסדיגע פיהרער פון דער בוט און שוה ווארקערס יוניאן. דער־פאקט איז, אז די פיהרער פון דער קלאוק־מאכער יוניאן האבען שטענדיג געקעמפט פאר די רעכטע פון זייערע ארבייטער. אבער דאך, ווייל די פיהרער האבען אבי־סעלע געגלויבט, אז ווען ניט דער פרא־טאקאל, וואלט די קלאוקמאכער יוניאן זיך לאנג ניט געהאלטען, האבען זיי ווענען פילעס געמאכט זיך ניט־זעהענדיג. דאס האט געפיהרט דערצו, אז די קלאוק־מא־נופעקטשורער אליין האבען זיך איינגע־רעדט, אז זיי, און נאר זיי, האלטען אויף די יוניאן. און דארום האבען זיי זיך גענומען דאס רעכט און די חוצפה צו דיק־טירען דער יוניאן ווער עס זאלען זיין איהרע באאמטע. מעהר נאך, זיי האבען זיך אזוי ווייט איינגערעדט, אז די יוניאן און איהר גאנצער עקזיסטענץ הענגט אפ פון זיי, דאס זיי האבען באשלאסען ענד־ליך אפצוברעכען דעם פראטאקאל, זייענ־דיג זיכער, אז אהן דעם פראטאקאל וועט די יוניאן זיך ניט קענען האלטען.

און וואלטען די קלאוקמאכער געווען פון עטוואס אן אנדער מאטעריאל, און וואלט זיך אין זיי מעהר איינגעגעסען דער ביטערער אנגעזאמעלטער האס, וואל־טען, אפשר, די ערווארטונגען פון די בא־סעס ערפילט געווארען. אבער צום גליק האט עס גאנץ אנדערש פאסירט. די קלאוקמאכער יוניאן איז באלד אריבער אין די הענד פון אן אנדער פיהרערשאפט, וועלכע איז ניט פארבאסעוועט געווארען דורך דער צייט פון דעם פראטאקאל־הערשאפט, די יוניאן־מיטגלידער אין אל־געמיין האבען זיך דערפיהלט, ווי בא־פרייט פון פריזאן, און פאקטיש פון יע־נער צייט ראטירט די ריכטיגע קלאוקמא־כער יוניאן, וועלכע שטעהט אויף איהרע אייגענע פיס, און רעדט מיט דעם אר־בייטס־געבער אין ווירקליך „גלייכע טער־מינען".

גערארע דאס, וואס די קלאוק־מאנו־פעקטשורער האבען געמיינט, וועט זיין דער טויט פון דער יוניאן, האט אריינ־געבלאזען אין די יוניאן א נייע נשמה. די קלאוקמאכער־יוניאן קומט איצט ניט אן צום ארבייטס־געבער, ער זאל פאר איהר זיין דער קאלעקטאר פון דיוס און אסעסמענטס. דאס טוען די מיטגלידער אליין. זיי קומען צו זייער יוניאן מיט זייערע דיוס, זיי באצאהלען, ווען זיי קענען און וויפיל זיי קענען, און זיי פיה־לען זיך, ווי פרייע מענשען, וועלכע בא־לאנגען פרייוויליג צו אן ארגאניזאציע פאר די באשיצונג פון זייערע אינטערע־סען, און דאס טייערער איז זי פאר זיי.

און מיר דאכט זיך, אז אין דער היינ־זיכט מעג אונזער אינטערנעשאנאל דינען אלס מוסטער פאר אלע אנדערע ארביי־טער־ארגאניזאציעס, און עס מוז געמאכט ווערען א סוף צו אט־דער איינפיהרונג, וועלכע מאכט דעם יוניאן־מיטגליד איי־ביג מיסטרויאיש צו זיין יוניאן, צו איה־רע פיהרער, און וועלכע מאכט די פיה־רער, באוואוסט אדער אומבאוואוסט, פאר מעהר פריינד צו די ארבייטס־געבער, ווי זיי דארפען עס זיין אין דער אמת'ן.

עס קען דאך טאקע אנדערש ניט זיין. דער יוניאן־פיהרער איז ניט מעהר, ווי א מענש. איז, אויב זיין עקזיסטענץ הענגט ווירקליך אפ פון דעם גוטען ווילען פון דער מיטגלידערשאפט, וועט ער נעווים טאן אלעס אין זיינע כוחות אין די אינ־טערעסען פון דער מיטגלידערשאפט. ווען אבער זיינע ווידזשעס קריגט ער פון די דיוס, געזאמעלט דורך דעם באס, קומט ביי איהם אפט אויס, אז זיין עקזיסטענץ הענגט אפ פון דעם גוטען ווילען פון באס. ער פארגעסט גאר פון וועמען דאס געלד איז געזאמעלט. און איך גלויב, אז ניט איין ארבייטער־פיהרער איז געשטרוי־בעלט געווארען אט אן דער דאזיגער איינ־פיהרונג — פיהרער, וועלכע אונטער אנ־

דערע אומשטענדען וואלטען געבליבען אמת־געטרייע, פעהיגע יוניאן־טוער.

איך פארשטעה, אז פיליכט אין דער ערשטער צייט האט די דאזיגע איינפיה־רונג געהאלפען דער יוניאן זיך שטעלען אויף די פיס. אין דער היניזיכט האט אויך דער פראטאקאל געהאט זיין גוטע זייט. אזוי ווי די קלאוקמאכער יוניאן אין איהר קינדער־פעריאד האט געהאלטען אין איין ווערען און ניט ווערען, האט דער פראטא־קאל אין יענע יאהרען אויפגעהאלטען די יוניאן, און ניט געלאזען איהר פאנאנדער־פאלען. אבער, אז דאס זאל בלייבען א שטענדיגע איינפיהרונג, איז עס פונקט אזוי געפעהרליך פאר די יוניאן, ווי עס וואלט געווען געפעהרליך צו האלטען דאס קינד אימער ביי דער האנד אדער אין א וועגעלע און קיינמאל עס ניט לאזען געהן אליין.

און איך בין איבערצייגט, אז עס איז געקומען ענדליך די צייט פאר אלע יוני־אנס צו באפרייען זיך פון דער דאזיגער אונגאטירליכער איינפיהרונג, און ניט מורא האבען, אז דאס קען דער ארביי־טער־באוועגונג אויף דאס מינדעסטע שא־רען. פונקט פארקערט, דאס וועט ערשט ברייגגען נייעם לעבען אין דער ארביי־טער־באוועגונג.

עס איז דא כדאי צו באמערקען, אז די קלאוקמאכער יוניאן האט ניט קיין אפמאך מיט אונזערע בעלי־בתים פאר א „קלאוזד שאפ", א שאפ פון דורך און דורך יוניאן־לייט. אבער פראקטיש איז יעדער קלאוק־שאפ א יוניאן־שאפ. פארוואס? איז עס, אפשר, דער באס, וועלכער זארגט פאר דעם? ניין, דאס זיינען די ארביי־טער אין שאפ גופא, זיי פאסען אויף, אז דער שאפ זאל זיין א יוניאן־שאפ. און זיי טוען עס, ווייל די יוניאן קוקט ניט אויף זיי מיט פארדאכט, ווייל די יוניאן האט צו זיי דעם פולסטען צוטרוי, און זיי צאהלען דער יוניאן מיט דעמזעלבען צוטרוי.

און שטארק ווי איך האלט פון די קלאוקמאכער, דאך גלויב איך ניט, אז זיי זיינען אן אויסנאהם אין דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג. איך גלויב, אז ארבייטער פיהלען און דענקען מעהר אדער ווייניגער איין און דערזעלבער ריכ־טונג. איך גלויב ניט, אז דער מיינער, דער אוועראל־מייקער זיינען פיל אנדערש, ווי דער קלאוקמאכער. און, ווען די קלאוקמאכער, די דרעסמאכער און פילע, פילע אנדערע קענען אויפהאלטען זייערע מעכטיגע יוניאנס אהן דער הילף פון דעם ארבייטס־געבער, טו ווארום זאל עס ניט זיין מעגליך פאר די מיינערס, פאר די בוט און שוה ווארקערס און אנדערע אזעלכע יוניאנס, וועלכע זיינען איצט אין זייער עקזיסטענץ אפהענגיג ביז צו א גרויסען גראד פון דעם באס?

איך קום דארום צום שלוס, אז אזא סארט יוניאן־שאפ, ווי פילע מיינען עס דארף זיין א „קלאוזד שאפ", איז ניט נאר ניט ווינשענסווערט, נאר איז העכסט שעד־ליך פאר דער ארבייטער־באוועגונג. אין ניט נאר דארף מען ניט קעמפען פאר איהם, נאר מען דארף איהם מיט אלע מיטלען באקעמפען. ערשט דאן וועלען מיר קע־נען האבען אן אמת'ען י ו נ י א ן־שאפ, און ערשט דאן וועלען מיר מיט רעכט קענען ענטפערען אויף די פארשי־דענע ארגומענטען און אויף די פאדערונג פון פארשידענע זייטען, אז די רעגירונג זאל ווערען די אויפפאסערין אויף די יו־ניאנס. אבער דאס מוז איבערגעלאזט ווערען פאר אונזער נעקסטע באטראכטונג.

א דאנק־רעזאלוציע.

בײ א גוט־באזוכטען שאפ מיטינג פון די ארבייטער פון בערגמאן און ליפקינס שאפ, 150 וועסט 22טע סטריט, איז אנ־גענומען געווארען א רעזאלוציע צו בא־דאנקען און שײנקען אונזער פולען צו־טרויען אונזער שאפ טשערמאן, ברודער אלבערט קאמפ, פאר זיין איבערגעבענער ארבייט פאר דעם פארגאנגענעם יאהר. מיר האפען און ערווארטען דאס אויך אין דער צוקונפט וועט ער זיין טעטיג און איבערגעבען אין אנהאלטען די יו־ניאן קאנדישאנס אין שאפ ווי ביז יעצט.

אכטונגספאל,

די קאמיטע:

ר. קארפ, מ. טשייקען, סאל. אליאנסקי.

קלאוקמאכער, אויפמערקזאם!

אלע ארבייטער, וואס האבען אר־בייט בײ דער פירמע ברענער און קארי, 241 וועסט 32טע סטריט, זיינען אויפ־געפאדערט צו קומען אין דאון טאון אפיס פון דער קלאוקמאכער יוניאן, 33 צווייטע עוועניו. עס איז פון גרויס וויכטיגקייט.

סעמיועל פערלמוטער,

מענעדזשער.

פון דער אינטערנעשאנאל א גוטען, גליקליכען ניי יאהר.

„די וועלט, אין וועלכער מיר לעבען".

מיר זיינען ניט לאנג צוריק געווען אין דעם זשאלסאן טעאטער, וואו עס ווערט געשפילט די קאמעדיע „די וועלט, אין וועלכער מיר לעבען" און מיר זיי־נען געווען באמת ענטציקט סיי פון דער קאמעדיע גופא, און סיי פון דער פרעכטיגער אויפפיהרונג פון דיזער קא־מעדיע. און זיצענדיג אין טעאטער הא־בען מיר געטראכט: ווי גוט עס וואלט געווען, ווען אונזערע לעזער קענען זעהן די דאזיגע קאמעדיע, וועלכע שילדערט אזוי קונסטפאל און אזוי געדאנקענרייך אונזער ווירקליך לעבען, אונזער יאגען זיך נאך עשירות, אונזערע מלחמות, און פאר וואס זיי ווערען געפיהרט, אונזער זאגענאנטען פאמיליען־לעבען, אונזער גאנצע משונה'דיגע הארי־אפ־סיסטעם מיט איהר „עפישענסי", סטאפ־וואַ־טשעס! דערזעלבער געדאנק איז אויך געקומען צו אונזער אלטען פריינד יו־ליוס האפ, וועלכער איז פארבונדען גע־שעפטליך מיט דעם טעאטער, און וועל־כער האט זעהר פיל געארבייט פאר דעם ערפאלג פון דער קאמעדיע. בקיצור ער האט אונז פארגעשלאגען פארעפענטלי־כען די קאמעדיע אין דער „גערעכטיג־קייט". מיר האבען זיך באמת אנגע־כאפט אן דעם. און מיר הויבען טאקי עס גלייך אן צו דרוקען אין דעם ערשטען נומער פון דעם נייעם יאהר. מיר בע־טען די לעזער צו לייענען עס ניט איי־לענדיג. די קאמעדיע איז ווירקליך העכסט זינרייך, און עס לוינט זיך אפ־שטעלען אויף יעדען זאץ אין איהר. מיר וואלטען אויך געראטען אונזערע לעזער צו געהן זעהן די פיעסע אין ענגליש. זיי וועלען דאס בעסער איהר אפשאצען נאך דעם, ווי זיי וועלען איהר לייענען אין דער „גערעכטיגקייט". דאס איז אונזער ניי־יאהר־פרעזענט פאר די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט", און מיר האפען, אז דיזע קאמעדיע וועט זיי פארשאפען גאר א גרויסען גייסטיגען נחת.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Offices 3 West 16th St., New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President. S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol V. No. 1. New York, Friday, January 5, 1923.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

1922 פאר דער ארבייטער־באוועגונג בכלל, און פאר דער אינטערנעשאנאל בפרט.

עס וואלט געווען גארנישט קיין שלעכטע זאך, ווען דער מענש וואלט זיך אפגעגעבען א חשבון יעדען טאג איבער דאס, וואס ער האט געטאן צו זיינע מיטמענשען, און וואס זיינע מיטמענשען האבען צו איהם געטאן. עס איז זיכער, דאס ער וואלט דערביי פיל געוואונען. זיינע פארהעלטניסע צו זיינע נעבען־מענשען וואלטען זיכער געווארען וואס אמאל מעהר מענשליך. אבער, ליידער, זיינען די מעהרסטע מענשען צו פארניכט, צו פארמאטערט און צו פארהאיעט, אז זיי זאלען זיך קענען אפגעבען אזא חשבון הנפש יעדען טאג. אז עס געהט אבער אריבער א גאנצער יאהר, דאן מוז שוין יעדער דענקענדער מענש אונטערפיהרען, זא־צו־זאגען, א באלאנס פון זיין לעבען פאר דאס גאנצע יאהר. פילע האבען שטארק חרטה אויף פילעס, וואס זיי האבען געטאן אדער געלאזען אונגעטאן, און זיי באשליסען איינצופיהרען א נייע בלאט אין זייער לעבען. צי זיי פיהרען אויס זייער באשלוס, צי ניט, אבער גאנץ ווירקונגסלאז איז דער באשלוס ניט. אנדערע ווידער געפינען, אז אלעס איז געווען אזוי גוט, ווי עס קען נאר זיין, און זיי זעצען פארט זייער טעטיגקייט אין דער זעלבער ריכטונג. און דאס איז אלץ צו פארדאנקען דעם פאקט, דאס מיר האבען איינגעטיילט אונזער לעבענס־צייט אין טעג, חדשים און יאהרען.

אויב דאס איז ריכטיג וועגען אן איינצעלנעם מענשען, איז עס זיכער ריכטיג וועגען א באוועגונג, וועלכע נעמט ארום גאנצע מאסען מענשען, און דערפאר איז עס ניט נאר נאטירליך, נאר נויטווענדיג, אז איצט, ביים שוועל פון א נייעם יאהר, זאלען מיר זיך ארומקוקען איבער אלץ, וואס איז פארגעקומען לעצטען יאהר. דאס וועט אונז זיכער זעהר פיל העלפען אין אונזער ווייטערער טעטיגקייט, ווי אויך אין אונזער ווייטערען פראגרעס.

מיר קענען ניט זעהר לאנג אפשטעלען זיך אויף דער ארבייטער־באוועגונג אין אמעריקא בכלל. נאר אונז דאכט זיך, אז יעדער מענש, וואס וויל ניט זוכען דוקא דאס פעהלערהאפטע, וועט געפינען דעם פארגאנגענעם יאהר, אלס אן ארבייטער־יאהר אין דעם גאנץ טיפען און ברייטען זין פון ווארט. דער פאקט איז, אז די ארבייטער־פראגע אין אלע איהרע ערשיינונגען איז געשטאנען דאס גאנצע יאהר אין סאמע פראנט פונ'ם געזעלשאפטליכען לעבען, און איז פאר קיין איינציגע רגע ניט ארויס פון דער לעבענס־ביהנע.

אט איז די גאנצע עפענטליכע מיינונג געווען פארנומען מיט דעם מיינער־סטרייק, אין וועלכען די קוילען־גרעבער האבען זיך ארויסגעוויזען אלס ווארהאפטיגע העלדען, און וועלכער האט ווירקליך אפגעשטעלט די גאנצע צווייטע רעאקציע אין איהר הייסען וואונש צו ברענגען צוריק די ארבייטער צו די זעלבע ווייזשעס און צו דעם זעלבען לעבענס־סטאנדארד פון פאר־דער־מלחמה. און אט איז די עפענטליכע מיינונג געווארען שטארק אויפגעטרייסעלט פון דעם שאפמען־סטרייק. און אזוי איז די ארבייטער־באוועגונג געווען ווירקליך א באוועגונג אין דעם בעסטען זין פון ווארט. זי האט זיך יעדען טאג געלאזט שטארק פיהלען אין דעם לעבען פון דער גאנצער געזעלשאפט.

יע, ווער עס וויל ניט מאכען זיך בלינד, דער מוז צוגעבען, דאס די אמעריקאנער ארבייטער אין 1922 האבען געמאכט שטארקען פארטשרים ניט נאר אין זייערע עקאנאמישע קעמפע, נאר אויך אין זייער אלגעמיינער וועלט־אנשויאונג. איינער מעג האבען זיינע מיינונגען וועגען פאליטישער טעטיגקייט אין אלגעמיין, אבער ער מוז צוגעבען, אז די ארבייטער, ווייניגסטענס, דער דענקענדער טייל פון דער ארבייטער־באוועגונג, הויבען אן ביסלאכווייז צו פארלאזען דעם אויסגעטראטענעם שליאך און זיי זוכען נייע וועגען. דאס מיינט, אז די מענשען זעהען איין, דאס געהענדיג אויף די אלטע וועגען דרעהען זיי זיך נאר אין א פארצייבערטען צירקעל, און זיי זוכען, ווי זיך ארויסצודרעהען פון דעם צירקעל. די פארשיידענע פאליטישע קאנפערענצען, אט אין שיקאגא, אט אין קליוולאנד, אפילו די לעצטע ערעקשאנס, אין וועלכע די ארבייטער האבען ניט מעהר געוואוט אלס דעמאקראטען אין רעפובליקאנער, נאר אלס ארבייטער, אפגעבענדיג זייערע שטימען נאר פאר די יעניגע קאנדידאטען, וועלכע זיי האבען געהאלטען אלס זייערע פריינד, מעגען מיר ניט איינפארשטאנען זיין מיט אזא סארט פאליטישער טעטיגקייט, אבער עס איז דאך קלאר, אז אין דעם ארבייטער'ס נשמה קומט פאר א שטארקע אויפטרייסלונג. ער הויבט אן אנדערש צו זעהן און צו דענקען, ווי ער האט ביז איצט געזעהן און געדענקט.

און מיר זיינען דאריבער פון דער מיינונג, דאס, ווען די אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג וועט אונטערפיהרען דעם באלאנס פון איהר טעטיגקייט, פון איהרע קעמפע, זיגע און דורכפאלען פאר דאס פארגאנגענע יאהר, וועט זי געפינען, אז די קרעדיט־זייט וועגט איבער גאנץ שטארק די דעביט־זייט. אמת, אין דעם משך פון דעם יאהר זיינען אויפגעדעקט געווארען אין אונזער ארבייטער־באוועגונג גאר פילע וואונדען, און אויפגעריסען געווארען זיינען זיי דוקא פון מענשען, וועלכע זיינען ניט און קענען ניט זיין קיין גרויסע פריינד פון דער ארבייטער־באוועגונג. זייער אבזיכט איז געווען ניט צו היילען די באוועגונג און מאכען איהר געזונט, נאר ווי ווייט מעגליך צו שעדיגען איהר. אבער קיינער אין דער ארבייטער־באוועגונג וויל גאר ניט באהויפטען, אז אלעס איז אין איהר פאלקאם, און קיינער וויל נאר ניט באהויפטען, אז עס זיינען ניט געמאכט געווארען פילע פעהלערען, אבער אין אלגעמיין האט די ארבייטער־באוועגונג אין אמעריקא ארויסגעוויזען זיך שטארק און מעכטיג, פיל מעכטיגער, ווי איהרע שונאים האבען עס ערווארט, און דער יאהר 1922, כאטש אין איהם האט געהערשט א שטארקע ארבייטסלאזיגקייט, כאטש אלערליי פינסטערע כחות אין לאנד האבען געמאכט זייערע גרעסטע אנשטרענגונגען צו שעדיגען דער ארבייטער־באוועגונג, דאך מעג מען מיט רעכט זאגען, אז ער האט זיך ארויסגעוויזען מעהר, ווי אלץ, אלס אן ארבייטער־יאהר. זיכער, די ארבייטער האבען ניט אויסגעפיהרט, אויסער דא און דארט, צו קריגען העכערע ווייזשעס, בעסערע ארבייטס־באדינגונגען, אבער, — דאס דארף שטארק באטאנט ווערען, — אז די ארבייטער האבען אויסגעפיהרט צו בלייבען אויף זייער פאזיציע פון די מלחמה־יאהרען, דאס אליין איז א גרויסער זיג. און דער זיג איז דאס גרעסער, וואס ער איז אויסגעפאכטען געווארען צום טראץ פון דער גאנצער ראגנאנטער עפענטליכער מיינונג.

מיר ווייסען, אז מיר האבען נאר אנגערירט די וויכטיגסטע מאמענטען אין דער ארבייטער־באוועגונג אין אמעריקא פאר דאס פארגאנגענע יאהר, אבער די גאנצע, לאנגע און באדייטונגספולע געשיכטע פון דעם יאהר מוז איבערגעלאזען ווערען צו דער געשיכטע, וועלכע וועט זיכער בעסער, ווי מיר, קענען אפשעצען די גרויסע אויפטואונגען פון דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג, און מיר געהען איבער צו דעם לעבען פון אונזער אינטערנעשאנאל פאר דאס לעצטע יאהר. און ווארפען מיר נאר א ריקבליק אויף אלעס, וואס די אינטערנעשאנאל האט אויפגעטאן, מוזען מיר צוגעבען, אז דאס יאהר 1922 איז געווען פאר דער אינטערנעשאנאל א יאהר פול מיט לעבען און קאמף אויף פארשיידענע געביטען.

לאמיר צוערשט זיך דערמאנען אן דעם גרויסען קלאוקמאכער־סטרייק אין ניו יארק, וועלכער איז געוואונען געווארען אין אנפאנג פון 1922. ווי באקאנט, האט די „פראטעקשיו“ אפגעבראכען דעם אגרימענט מיט דער קלאוקמאכער־יוניאן אין איינעם פון די גרעסטע קריזיסען אין לאנד, און דאן, ווען עס האט געבושעוועט די עפידעמיע פון אן אומרחמנות'דיגער ווייזש־שניידעריי. דער מאמענט פאר אפברעכען דעם אגרימענט איז געווען ווירקליך גוט אויסגעוועהלט פון די באסעס. דערצו האבען זיך די קלאוק־מאנופעקטשורערס פון גאנצען לאנד פאראייניגט אין א פעדעראציע, און דער פלאן איז געווען צו שלאגען די קלאוקמאכער און זייער אינטערנעשאנאל אויף אלע פראנטען. עס האט אויסגעזעהן גאנץ שלעכט פאר די ארבייטער. אבער די ארבייטער האבען זיך אויף א מאמענט ניט פארלארען. טראץ דער ביטערער צייט, איז די גאנצע קלאוקמאכער־ארמיי, ווי איין מענש, געשטאנען פעסט אויף דעם קאמף־פלאץ. די פיהרערשאפט פון איהר זייט האט ארויסגעוויזען ווירקליך גרויסע שטאטס־מאנשאפט אין איהר לייטונג פון דעם גרויסען קאמף. די געשיכטע מיט דעם אינדזשאנקשאן געגען די באסעס איז צו פריש אין דעם זכרון פון די ארבייטער, אז מיר זאלען דארפען זיך פארברייטען וועגען דעם. גענוג, די קלאוק־מאכער האבען אויסגעפאכטען א גרויסען זיג, מיט וועלכען פאקטיש גאנץ אמעריקא האט געשטורעמט, און, נאטירליך, איז דאס זעלבע פארגעקומען אין פילע אנדערע קלאוק־צענטערס.

געוויס, ניט איבעראל האט די אינטערנעשאנאל געזיגט. א דאנק ספעציעלע אומשטענדען, האט דער קאמף, למשל, פון די ווייסט־מאכער אין פילאדעלפיא געענדיגט זיך מיט א דורכפאל פאר דער יוניאן. אבער, פון דער אנדערער זייט, אז מען נעהמט אין אנבאטראכט, ווי אמת־העלדיש עס האבען געקעמפט די פילאדעלפיער סטרייקער א גאנצען האלבען יאהר, און דאס טראץ אלעם איז די יוניאן גאנץ געבליבען, און זי „גורט שוין אן איהרע לענדען“ פאר א נייעם קאמף, קען מען ניט און מען טאר ניט מאכען פון דעם איין ניט־געראטענעם קאמף קיין צו גרויסען וועזען.

מיר מעגען מיט פולען רעכט אויך אנווייזען, אז זייט דעם גרויסען קלאוקמאכער־זיג אין ניו יארק זיינען שוין מעהר קיין סטרייקס ניט פארגעקומען. מען האט גערעכענט, אז אין דזשולאי, ווען דער אלטער אגרימענט האט זיך געענדיגט, וועט עס ווידער מוזען קומען צו א קאמף. אבער די באסעס האבען געהאט זייער לעקציע, און דער אלטער אגרימענט איז פראקטיש באנייט געווארען, אזוי, דאס די ארבייטער אין דער קלאוק־אינדוסטריע פארדינען די זעלבע ווייזשעס און ארבייטען אונטער די זעלבע באדינגונגען, ווי אין דער סאמע גרויסער פראספעריטי פון דער מלחמה־צייט. דער אונטערשייד איז נאר דער, וואס דאן איז געווען גענוג ארבייט, און איצט, ליידער, איז קיין ארבייט ניטא. אבער דערצו, פארשטעהט זיך, קען די אינטערנעשאנאל גארניט העלפען. פארקעהרט, מען מוז ווירקליך באוואונדערען די שטארקייט פון אונזער יוניאן, דאס ניט אכטענדיג אויף די גרויסע ארבייטסלאזיגקייט, האט זי דאך אויסגעפיהרט אויפצוהאלטען דעם באשטימטען ווייזש־סקייל און פילע אנדערע גינסטיגע פאר דעם ארבייטער באדינגונגען.

מיר קענען אפילו א קורצען בליק ניט ווארפען אויף די קעמפע און זיגע אין די אנדערע קלאוק־צענטערס און אויך אין פילע אנדערע אינדוסטריען, וואס געפינען זיך אונטער דעם קאנטראל פון דער אינטערנעשאנאל. גענוג וועט זיין צו זאגען, אז דאס זעלבע, וואס איז ריכטיג פאר ניו יארק, איז גילטיג, כאטש נאר אין עטוואס א קלענערען גראד, פאר באסטאן, שיקאגא, מאנטרעאל און נאך אנדערע שטעדט. און מיר ווילען איבערגעהן צו אן אנדער ענין, וואס פארנעהמט א היבשען פלאץ אין דעם לעבען פון דער אינטערנעשאנאל, און דאס איז אונזער קאנווענשאן, וואס איז אפגעהאלטען געווארען לעצטען מאי אין קליוולאנד, און וועלכע האט זיכער ניט פארפעהלט צו האבען איהר ווירקונג ניט נאר אויף דער אינטערנעשאנאל, נאר ביז צו א גרויסען גראד אויף דער ארבייטער־באוועגונג אין אלגעמיין. אויב עס איז אמאל געווען א קאנווענשאן געפיהרט פון דער העכסטער טאלעראנץ, פון אמת־דעמאקראטישען גייסט, און פון א וואונש צו פארשטעהן איינע די אנדערע, איז עס געווען די דאזיגע געדענקווירדיגע קאנווענשאן. און זי האט קלאר געמאכט, אז אלערליי אינטריגעס, געשפונען פון פארשיידענע דונקעלע עלעמענטען, קענען דער אינטערנעשאנאל גאר ניט שאדען. די אינטערנעשאנאל איז פון דער קאנווענשאן ארויסגעקומען שטארקער, מעכטיגער, ווי זי איז ווען געווען, און אויסער עטליכע, גאנץ ווייניגע, פאר'עקשנטע קריג־יענער, האבען זיך אלע דערפיהלט ווידער, ווי איין גרויסע פאראייניגטע ארמיי, פארטיג אויפצונעהמען א קאמף געגען אלע, וועלכע זאלען באאבזיכטיגען צו טאן דאס מינדעסטע בייז דער אינטערנעשאנאל.

לאמיר דא אויך דערמאנען, אז נאך קיינמאל האט זיך די אינטערנעשאנאל ניט געפיהלט אזוי שטארק אלס א טייל פון דער ארבייטער־באוועגונג, ווי אין דעם יאהר 1922. דער אינטערנעשאנאל איז צוגעטיילט געווארען דער גרויסער כבוד, וואס כמעט אלע איהרע דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. זיינען געווען פארטראטען אין די וויכטיגסטע קאמיטעס, און דאס איהר פרעזידענט, בענדזשאמין שלעזינגער, איז איינשטימיג אויסערוועהלט געווארען צו זיין דער ברודער־דעלעגאט צו דעם בריטיש לייבאר קאנגרעס.

די אינטערנעשאנאל, ניט אכטענדיג אויף אלע איהרע אייגענע קעמפע, האט דאך געפונען די נויטיגע ענערגיע און מיטלען צו העלפען, ווי ווייט מעגליך, אלע די, וועלכע האבען זיך גענויטיגט. טראנספארטען פון עסענווארג פאר טויזענדער דאלארס זיינען געשיקט געווארען פאר די הונגעריגע אין רוסלאנד, און אזוי געשיקט, אז עס זאל טאקע אנקומען בלויז צו די, וועלכע האבען עס אם מעהרסטען באדארפט. 50 טויזענד דאלאר האט די אינטערנעשאנאל בייגעטראגען צום קאמף פון די מיינערס, און צעהנדליגע טויזענדע דאלארס זיינען אויסגעגעבען געווארען פאר נאך זעהר וויכטיגע אונטערנעהמונגען.

און אז מיר ריידען שוין פון אויפטואונגען, טארען מיר ניט פארגעסען אן די פרעכטיגע היים, וועלכע די אינטערנעשאנאל האט אויפגעבויט, און וועלכע ווערט אלץ מעהר און מעהר דער טעמפעל פון דער ארבייטער־באוועגונג אין ניו יארק. אין איהר אודיטאריום פארזאמלען זיך איצט ביי פארשיידענע געלעגענהייטען די ארבייטער. דארט האט זיך געמאכט זיין היים דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, וועלכער האלט אין איין פארשפרייטען אלץ מעהר וויסען צווישען די ארבייטער, און וועלכע איז אליין איינער פון די גרעסטע אויפטואונגען פון דער אינטערנעשאנאל.

דאס איז אין קורצען דער סך הכל פון דעם יאהר 1922 אין דעם לעבען פון דער אינטערנעשאנאל. טו ווער קען באהויפטען, אז דאס יאהר איז געווען א שלעכטער? אונז דאכט זיך, אז די גרויסע מעמבערשיפ פון דער אינטערנעשאנאל, אפגעזעהן פון דעם, וואס עס איז געווען א יאהר פון גרויסער ארבייטסלאזיגקייט, און פאלגליך פון פיל ליידען פאר פילע ארבייטער, קען צוריקבליקען אויף דעם פארגאנגענעם יאהר, נעהמענדיג אין אנבאטראכט אלעס, וואס די אינטערנעשאנאל האט אויפגעטאן, און געקאנט אויפטאן, מיט א געפיהל פון טיפער דאנקבארקייט. לאמיר דא דערמאנען, אז אפילו אין דער הינזיכט פון ארבייטסלאזיגקייט האט די יוניאן געטאן אלעס אין איהרע כחות צו פארלייכטערן די ליידען. ווען דער „סטאפעדזש“ האט זיך ניט איינגעגעבען, ווי מען האט ערווארטעט, און פילע טויזענדער זיינען געווען ארבייטסלאז, איז עס געווען די יוניאן, וועלכע האט באשלאסען א דריי־פראצענטיגען טעקס אויף די, וועלכע האבען יא געארבייט, און וועלכער האט אריינגעבראכט א היבשע סומע, (דאכט זיך, 80 טויזענד דאלאר), און די נויט־ליידענדע זיינען ווי ווייט מעגליך אונטערשטיצט געווארען.

און, אט, אז מיר באטראכטען דאס פארגאנגענע יאהר, ווערט יעדער געפיהל פון יאוש, וואס גנב'עט זיך אמאל אריין אין הארצען, פארשוואונדען, און מיר ווערען איבערפילט מיט ליכטיגע האפנונגען, אז דאס קומענדע יאהר וועט געוויס ניט בלייבען הינטערשטעליג הינטער זיין פארגענגער אין דעם גרויסען שטרעבען צו אלץ א בעסערען, שענערען, מענשענווירדיגערען לעבען.

„די גערעכטיגקייט“

מיר קענען ניט פיל ריידען פון דער „גערעכטיגקייט“, און איהר חלק, וואס זי האט בייגעטראגען צו דעם לעבען פון דער אינטערנעשאנאל אין 1922. מיר לאזען דאס איבער צו אונזערע לעזער. מיר קענען נאר זאגען גאנץ געוויסענהאפט, אז אלעס, וואס איז נאר מעגליך געווען פאר „די גערעכטיגקייט“ צו העלפען דער אינטערנעשאנאל אין איהרע קעמפע, איז געטאן געווארען. און מיר קענען צוזאגען צו בלייבען אזוי געטריי און איבערגעבען די אינטערעסען פון דער אינטערנעשאנאל אויך אין דעם קומענדען יאהר, און אין דעם געפיהל ווינשט די „גערעכטיגקייט“ איהרע לעזער אין איהר נאמען און אין נאמען

די „רויטע" טרייד-יוניאנס אין רוסלאנד

פון פ. דאן.

די טרייד-יוניאן באוועגונג אין רוס־לאנד מאכט איצט דורך אן ערנסטען קריזיס.

ערשטענס: דער העלדישער פעריאד פונ'ם באלשעוויזם איז שוין אוועק. אין אנפאנג האבען די באלשעוויקעס גע־פרופט איינרעדען דעם פראלעטאריאט, דאס ער, דער פראלעטאריאט, האט דורך זיי איבערגענומען די מאכט פון שטאאט, און אלץ, וואס איז פארבליבען צו טאן, איז געווען בלויז צו ארגאניזירען די פראדוקציאן אויף א סאציאליסטישער באזיס, דורך די טרייד-יוניאנס. און אזוי וואלט עס אפשר געווען אויך, ווען רוס־לאנד וואלט געווען רייף עקאנאמיש און סאציאל פאר א סאציאליסטישען רע־זשים.

אבער דער פאקט איז, דאס רוסלאנד איז געווען און איז נאך איצט אויך אן אגריקולטורעלעס לאנד. די אינדוסטריע איז דארט שוואך אנטוויקעלט, און דער פראלעטאריאט שטעלט פאר מיט זיך אן אומבאדייטענדען טייל פון דער באפעל־קערונג. די באלשעוויקעס האבען באקו־מען די מאכט ניט דערפאר, ווייל דער ארבייטער-קלאס האט טריאומפירט אי־בער אלע אנדערע קלאסען, נאר ווייל זיי האבען געהאט די שטיצע פון די פויערים און סאלדאטען, וועמען די באלשעוויקעס האבען פארשפראכען, אז זיי וועלען באלד צווישען זיי פארטיילען דאס פאר־מעגען פון די באזיצענדע קלאסען און דאס זיי וועלען באלד שליסען שלום מיט דייטשלאנד. די פויערים פון רוסלאנד האבען ניט געטרוימט פון סאציאליזם, זיי האבען בלויז געשטרעבט צו פארגרע־סערען זייער פערזענליכען אייגענטום.

אונטער אזעלכע אומשטענדען, איז עס געווען גאנץ נאטירליך, דאס אום איינצופיהרען סאציאליזם, האבען די באלשעוויקעס געמוזט זיך באנוצען מעהר און מעהר מיט געוואלד. דאס האט, נאטירליך, ארויסגערופען א ווידער־שטאנד, און דאס האט געפיהרט צו דעם, עס זאל ענטשטעהן דער זאגענאנטער „רויטער טעראר". אבער אט דער טע־ראר האט געבראכט גאנץ אנדערע רעזול־טאטען, ווי די, וואס די באלשעוויקעס האבען ערווארטעט. אנשטאט צו ארגא־ניזירען די פראדוקציאן, האט עס נאך געמאכט ערגער, סיי אין שטאדט, סיי אין דארף. די פויערים האבען אנגעפאנגען וואס ווייניגער פעלד באארבייטען און וואס ווייניגער זיך פארנעהמען מיט אויפ־פאסען אויף די פיה. זיי האבען גע־נומען פראדוצירען נאר אזוי פיל, וויפיל זיי האבען געדארפט פאר זיך צום לע־בען. נאטירליך האבען זיי גארניט גע־האט וואס צו שיקען אין שטאדט אריין! אין די שטעדט איז דער הונגער געווארען זעהר גרויס, און די ארבייטער האבען אנ־געפאנגען צו לויפען אין די דערפער און פילע שעפער און פאבריקען האבען זיך געמוזט פארמאכען.

דאס אפצושטעלען, האבען די באל־שעוויקעס געמוזט באנוצען געוואלד גע־גען די שטאדט-ארבייטער, ווי זיי האבען עס פריהער באנוצט געגען דער בורזשוא־זיע, און געגען די פויערים אין דארף. מען האט געצוואונגען די ארבייטער צו בלייבען אין די פאבריקען. מען האט זיי „מיליטאריזירט", און די יעניגע, וואס האבען געוואלט אנטלויפען פון הונגער, האט מען פארשפארט אלס „אנטלאפענע ארבייטער". פראטעסטען פון יעדען סארט, און באזונדערס סטרייקס, זיינען מיט גרויזאמקייט אונטערדריקט געווא־רען, אלס א „פארברעכען געגען שטאאט"; דאס איז באטראכט געווא־רען פאר אן „אויפשטאנד" פון א טייל ארביי־טער געגען די דיקטאטור פון זייער גאנ־צען קלאס. און אזוי איז ענטשטאנען א טיפער אפגרונד צווישען די אינטערעסען פון די ארבייטער און די באלשעוויסטי־שע רעגירונג, וועלכע האלט אן די רעגי־רונגס-מאכט אין נאמען פון דעם ארביי־טער-קלאס.

* * *

אין די קורצע, פרייע טעג זיינען די טרייד-יוניאנס אין רוסלאנד גרויס אויסגעוואקסען, עס האבען זיך אנגעשלא־סען הונדערטער טויזענדער מיטגלידער, און זיי האבען געקענט שפילען א וויכטי־גע ראלע אין אן ארגאניזירטען קאמף גע־גען דער באלשעוויסטישער רעגירונג, וועלכע האט זיך גענומען די ארבייטער אונטערדריקען.

כדי דאס צו פארמיידען, האבען די באלשעוויקעס געמאכט פונדאמענטאלע ענדערונגען אין דעם געבוי פון די יוני־אנס. פון פרייוויליגע ארגאניזאציעס זיינען די ארבייטער-יוניאנס, אדער בע־סער געזאגט, די אדמיניסטראציעס פון די יוניאנס, פארוואנדעלט געווארען אין „רעגירונגס-ביוראס". מען האט ארויפ־געלייגט אויף די יוניאנס א נייע פליכט. זייער פליכט איז געווארען ניט אנצו־פיהרען א קאמף פאר דער פארבעסערונג פון דעם ארבייטערס לאגע, נאר צו „דיסציפלינירען" די מאסען און זיי צווינגען צו האלטען די באפעהלען פון דער רעגירונג, וועלכע באטראכט זיך נאך אלץ אלס די „דיקטאטור פונ'ם פראלע־טאריאט".

דאס פריווילעגיע באלאנגען צו א יוניאן איז אפגעשאפט געווארען: אלע ארבייטער, אהן אויסנאם, זיינען גע־צוואונגען זיך איינצושרייבען אלס א מיטגליד אין די יוניאנס פון זיי־ער פאך. אן „אוקאז" איז ארויסגעגעבען געווארען, דאס די אויסגאבען פון די יו־ניאנס זאלען געדעקט ווערען ניט פון די דיוס פון די מיטגלידער, זאנדערן פון רעגירונגס-געלדער. דער פאקט איז, דאס די עקזעקוטיוום פון די יוניאנס זיינען ניט ערוועהלט געווארען: זיי זיינען אפאינטעט געווארען פון די רעגירונגס־באאמטע. און אט דיזע יוניאן-עקזעקו־טיוום האבען געהאט מיט זיך די גאנצע רעגירונגס-מאכט, דאס מיליטער, די פא־ליציי, די קאורטס, די טורמעס, — ארויפצוצווינגען אויף די מיטגלידער זייערע באשלוסען. און די יוניאנס, וואס האבען זיך געשטעלט געגען אט דער דא־זיגער „רויטער" רעארגאניזאציע, זיינען אהן רחמנות אונטערדריקט געווארען, זיינען איינפאך אויפגעלייזט געווארען. זייערע פיהרער און אקטיווע מיטגלידער זיינען אריינגעשליידערט געווארען אין די טורמעס, און די יוניאנס זיינען אי־בערגעמאכט געווארען לויט דעם באפעהל פון „אויבען".

אלס א רעזולטאט דערפון האבען די „רויטע" טרייד-יוניאנס אנגענומען די פאלגענדע פארם: עס איז ענטשטאנען א נעץ פון צענטראלע און לאקאלע רע־גירונגס-ביוראס, וועלכע האבען זיך גע־רופען „טרייד-יוניאן אפיסעס", און וועלכע זיינען עטאבלירט געווארען אלס „גובערניא סאוועטס" פון די טרייד־יוניאנס אין די פראווינצען, און אין אן אל-רוסישען סאוועט אין צענטער. דער נעץ פון אט די רעגירונגס-ביוראס האט אלץ געטאן אין נאמען פון די מאסען, פון וועלכע זיי האבען צוגענומען יעדען ארגאניזאציאנס-רעכט, וועלכע האבען ניט געהאט קיין שום דעה אין דער פיה־רונג פון דער יוניאן. נאר אזעלכע „רויטע" טרייד-יוניאנס האבען געקאנט עקזיסטירען, וועלכע האבען צופרידענגע־שטעלט די באלשעוויסטישע רעגירונג און האבען זיך ערקלערט „קאמוניסטיש".

נאטירליך, נאאיווע פראלעטאריער און סאציאליסטען האבען זיך געקאנט איינשמועסען, דאס די גאנצע, רויע גע־וואלד, וואס איז פון די רעגירונגס-באאמ־טע אנגעווענדעט געווארען געגען די יוניאנס, איז געטאן געווארען פון א „פראלעטארישער" רעגירונג, אין די אינ־טערעסען פון די פראלעטאריער. זיי הא־בען זיך בלויז געקאנט טרייסטען, דאס די געוואלד געגען די מאסען איז אנגע־ווענדעט געווארען, ווי מען טוט עס מיט קינדער, מכלומרשט פאר זייער „אייגע־נע טובה".

אין אנפאנג פון ספרינג, 1921, ווי באוואוסט, איז פארגעקומען א גרויסע ענ־דערונג אין דער עקאנאמישער פאליסי פון די באלשעוויקעס. דער עקאנאמישער צוזאמענבראך האט דערגרייכט די גרעס־טע הויך, און דאס האט ארויסגערופען שטורמישע באוועגונגען צווישען די אר־בייטער אין פעטראגראד און אין מאסק־ווע, און ביי די מאטראזען פון קראנשטאט. דאס האט געצוואונגען די באלשעוויקעס אויפצוהערען ארויפצוצווינגען אויף אלע מען זייער „קאמוניזם", צי מען האט גע־גלויבט אין דעם, צי ניט. די „נייע עקא־נאמישע פאליסי", וואס מען רופט אין רוסלאנד „נעפ", איז באשטאנען הויפט־זעכליך אין דעם:

מען האט אויפגעהערט קאנפיסקירען די פארם-פראדוקטען פון די פויערים. אנשטאט דעם האט מען אויף זיי ארויפ־געלייגט א געוויסען טעקס. מען האט צוריק איינגעפיהרט פרייען האנדעל פון אלע ארטיקלען, און עס איז ווידער ער־לויבט געווארען אנצוזאמלען פריוואטען קאפיטאל. מען האט גענומען פארדינ־גען, אויף לאנגע טערמינען, צו פריוואט־מענשען, אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. מען האט ערלויבט צו פארמירען קאמ־פאניעס צו באטרייבען געשעפטען אויף א סיסטעם פון פריוואט-אייגענטום, און מען האט אנגעפאנגען געבען גרויסע קאנ־צעסיעס צו קאפיטאליסטען פון אנדערע לענדער. אפילו מאנכע פון די גרויסע אינדוסטריען, וועלכע די רעגירונג האט באשלאסען אליין אנצוהאלטען, האבען געדארפט, לויט די נייע עקאנאמישע פא־ליסיס, געפיהרט ווערען אויף א ריינעם, קאמערציעלען שטייגער. די אדמיניסט־ראציעס פון אזעלכע געשעפטען זיינען באאויפטראגט געווארען „צו מאכען פראפיט", אדער, אמווייניגסטען, ניט צו ארבייטען אונטער א דעפיציט.

נאטירליך, דאס אלץ האט געמיינט א שנעלער צוריקקעהר צו קאפיטאליסטישע באדינגונגען. די באלשעוויסטישע רע־גירונג האט, ווי עס שיינט, געמיינט, אז וואס מעהר מען וועט נאכגעבען עקאנא־מיש די קאפיטאליסטען, אלץ שטארקער וועט ווערען אין איהרע הענט די דיקטא־טאָרישע מאכט, און מען וועט קאנען שפע־טער זיך צוריקקעהרען צום „קאמוניזם", — נאך דעם, ווי די סאציאלע רעוואלו־ציע וועט האבען טריאומפירט אין די הויפט-לענדער פון אייראפא און אמערי־קא.

אבער די ארבייטער-מאסען אין רוס־לאנד האבען געצויגען אנדערע שלוסען פון דער אומבייטונג פון דער באלשעוויס־טישער פאליסי. זיי האבען דערזעהן, דאס זיי זיינען ווידער פנים אל פנים מיט'ן קאפיטאליזם, מיט דעם רוסישען און אויסלענדישען, און זיי קאנען ניט לע־בען מיט דער האפנונג אויף א „סאציא־לער רעוואלוציע", וואס וועט אמאל ער־גענדווא אויסברעכען, און דערווייל זא־לען זיי זיך אונטערווארפען צו עקספלוא־טאציע פון ערגסטען סארט, דערווייל זא־לען זיי הונגערען, פריהרען, געדולדיג צו־קוקען ווי די „אויבערשטע צעהן טויזענד" לעבען אין וואוילטאג אין א לאנד, וואו מיליאנען מענשען שטארבען פון הונגער, וואו מענשען ווערען קאניבאלען, וואו מען איז געצוואונגען זיך צו שפייזען מיט דיקערפער פון די טויטע, וואס פאלען אלס קרבנות פון דעם שרעקליכען הונגער!

די רוסישע ארבייטער מוזען איצט פארטיידיגען זייערע אינטערעסען, זיי דארפען קעמפען געגען זייערע קאפיטא־ליסטישע ארבייטס-געבער, וואס טרייט דעם ארבייטער אלץ מעהר צו עקספלוא־טירען. און דער ביטערער אמת איז, דאס די ארבייטער, וואס זיינען באשעפ־טיגט אין די אינדוסטריען, וואס זיינען פארבליבען נאציאנאליזירט, זיינען ניט בעסער אפ פון די ארבייטער, וואס אר־בייטען אין די פעקטארים פון די פרי־וואט-אונטערנעמער. דער „קאמערציא־לער באזיס" פון דער „נייער פאליסי" צווינגט די אדמיניסטראציעס פון די נא־ציאנאליזירטע פאבריקען צו פארקלענע־רען די וויידזשעס, צו פארלענגערען דעם ארבייטס-טאג, צו פארקלענערען די אויס־גאבען פון דער פאבריק, אפצוזאגען די ארבייטער, „וואס זיינען ניט נויטיג", און אזעלכע „ניט-נויטיגע" ארבייטער געהען איצטער ארום ליידיג אין סאוועט רוס־לאנד אין די הונדערטער טויזענדער!

מיט איין ווארט, פון אן ארבייטער־שטאנדפונקט, אונטערשיידעט זיך גאר ניט דער זאגענאנטער „שטאאט-קאמו־ניזם" פון די באלשעוויקעס פון דעם פיור און סימפעל קאפיטאליזם. דאס, וואס האט די רוסישע ארבייטער צוריקגעהאל־טען צו קעמפען פאר זייערע עקאנאמישע אינטערעסען, אויפ'ן זעלבען שטייגער, ווי דאס טוען זייערע ברידער און שוועס־טער פון די אנדערע לענדער, איז פאר־שוואונדען. און עס איז גאנץ נאטיר־ליך, דאס אום צו קאנען ריכטיג אנפיה־רען דעם קאמף, דארפען די רוסישע אר־בייטער-יוניאנס זיין פריי. נאטירליך, עס זיינען דא די יוניאנס, אין וועלכע מען האט פריער געצוואונגען די ארביי־טער זיך איינצושרייבען. מיט דער „נייע־ער עקאנאמישער פאליסי" איז [illegible] דאס ערלויבניש, אז ארביי־טער מעגען ווייטער זיך אנשליסען אין די יוניאנס פרייוויליג, אבער אין דער אמת'ן בלייבט אט די ערלויבניש בלויז אויפ'ן פאפיר.

די באלשעוויסטישע טרייד-יוניאנס, זייענדיג צוגעבונדען צו דער רעגירונג, מיט זייער פארבונדענהייט אין [illegible] עס, זייענדיג אזוי פארבונדען מיט די אד־מיניסטראציעס פון די נאציאנאליזירטע פאבריקען, זיינען ניט קאמפעטענט פאר אנצופיהרען דעם עקאנאמישען קאמף פון די רוסישע ארבייטער. זיי דארפען זיך פון איין ברעג צום צווייטען און ווייסען ניט וואס צו טאן. זיי פרובי־רען אפטיילען די ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט אין די נאציאנאליזירטע פאבריקען, פון די ארבייטער, וואס אר־בייטען פאר די פריוואט-אונטערנעמער. אמאל נעהמען זיך די יוניאנס אן פאר די ארבייטער, געגען די מענעדזשמענט פון די נאציאנאליזירטע פאבריקען, און אמאל, ווען דער שטרייט ווערט שארפער, טרייבען זיי זיך אפ דערפון, איבערלאז־זענדיג דעם שיקזאל פון יענע ארבייטער אין זייערע אייגענע הענט. אמאל ווענ־דען זיי זיך צו אנדערע אינסטיטוציעס, דורך וועלכע זיי פארלאנגען די וויידזשעס פון די ארבייטער זאל געהעכערט ווע־רען, אדער זיי פארלאנגען געוויסע פאר־בעסערונגען, און אמאל מוזען זיי האל־טען מיט די אדמיניסטראציע און פרעדי־גען צו די ארבייטער זיי זאלען זיין גע־דולדיג, אלעס רוהיג איבערטראגען, און אפילו זיך אונטערווארפען צו הונגער און נויט.

עס פארשטעהט זיך, ביי אזעלכע יו־ניאנס קאן קיין איינהייט ניט עקזיס־טירען. די מערסטע פון די אקטיוויסטע טוערס אין די יוניאנס האבען א גאנץ אנדער קוק אויף דער באוועגונג, ווייל זיי שטעהען נעהענטער צו די מאסען, ווי עס האבען די הויכע סאוועטסקע באאמטע, וועלכע זיינען איינגעזעצט געווארען ביים רודער פון די „רויטע" טרייד־יוניאנס, וועלכע באשטימען די פאליסיס פון די יוניאנס.

דער איינציגער אויסגאנג פון דער לאגע קאן זיין, די יוניאנס זאלען ווערען פריי, זיי זאלען זיין אומאפהענגיג פון שטאאט, זיי זאלען זיין ארגאניזאציעס בלויז אנצופיהרען דעם עקאנאמישען קאמף פון ארבייטער-קלאס, זיי זאלען צו־ריק ווערען דעמאקראטישע ארבייטער-יוניאנס און זיך שטעלען אויף דער פלאטפארם פון קלאסען-קאמף. די ארבייטער-מא־סען פון רוסלאנד ווענדען איצטער אן יעדע ביסעל ענערגיע צו פארוואנדלען די „רויטע" יוניאנס אין אמת'ע ארביי־טער-ארגאניזאציעס, און יעדער סאציא־ליסט דארף זיי ווינשען ערפאלג אין דעם. זאל זיך אבער ארויסווייזען, אז דאס קאן ניט געטאן ווערען, אז די „רויטע" טרייד־יוניאנס קאן מען מעהר ניט איבערמאכען, זיי זאלען ווערען א וואפען פאר'ן ארביי־טער אנצופיהרען זיין עקאנאמישען קאמף, דאן וועלען די ארבייטער, נאטיר־ליכערווייזע, מוזען זוכען אן אנדער אויסוועג. מעגליך, אז מען וועט דעמאלט ווידער מוזען פארמירען „אומאפהענגיגע טרייד-יוניאנס". נאטירליך, איז עס א גאנץ שווערע אויפגאבע, דאס וועט זיין א שווערער קאמף און וועט פאדערען נייע קרבנות! דאס וואלט מיינען א נייע פארשווענדונג פון קראפט און ענערגיע, פאר דעם שוין פון פריהער אפגעשוואכ־טען ארבייטער-קלאס אין רוסלאנד.

צו פארבעסערן דער וועלט'ס עקאנאמישע לאגע.

(שלוס פון זייט 10)

אז זיי זאלען דיזע גערדער ניט באנו־צען אויף קיינע מיליטערישע צוועקען, און אז זיי זאלען מוזען דורכאויס פאר־קלענערען זייערע איצטיגע ארמעען און פלאטעס.

עס ווערט אפילו שטארק גערעדט וועגען נאך אנדערע וויכטיגע בעדינגונ־גען, ווי, צום ביישפיעל, רעדוצירען די סומען פון שאדען-ערזאץ, קיינע פארלא־נגען פון טעריטאריען וואס בעלאנגען צו אנדערע לענדער, א. א. וו. און א. וו. אבער אפילו ווען עס זאל בלויז אויסגע־פיהרט ווערען דאס פארקלענערען פון די וואפען וועט שוין דאס אליין זיין פון גוואלדיגער וויכטיגקייט פאר דער וועלט.

לויט די ידיעות, וואס דער סטייט דעפארטמענט האט געקראגען, שטעהט דייטשלאנד איצטער אין פיל אן ערגערע לאגע ווי אפילו רוסלאנד, און דאס האט געצוואונגען די אמעריקאנער רע־גירונג אנצוהייבען ערנסט צו טראכ־טען וועגען פינאנציעלער הילפע צו דעם לאנד, וואס איז כמעט דער וויכטיג־סטער פון אייראפא.

פעדעריישאן אוו לייבאר איז דא א שטיקעל סכסוך. די „טיימז" מיינט, אז „די אמערי־קאנער האבען זיך שוין אויסגעהיילט פון דעם שרעק פאר א רעוואלוציע, ווי אין רוס־לאנד. זיי פיהלען, דאס אונזערע אינסטי־טוציעס האבען זיך ארויסגעוויזען צו זיין זיכער-פעסט, און דאס זיי, די אמעריקאנער, קאנען זיך פארגינען צו לאכען איבער דעם געצענדיגער, וואס איז אזוי מלא רציחה אויף זיי". אזוי זאגט בפירוש די „טיימז". די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר איז אבער די וואך ארויסגעקומען מיט א סטייטמענט, אין וועלכען זי ווייזט נאך אלץ ארויס א ביסעל מורא פאר דעם אמעריקאנער קאמוניזם. אין דעם סטייטמענט ווערט געזאגט, דאס „דרייסיג טויזענט קאמוניסטען, ארבייטענדיג ביי סטראטעגישע פונקטען, און וועלכע ווערען ניט באקעמפט אויף אן אינטעליגענטען אופן, קאנען מאן פיל צייטליכען שאדען". איך בין דאס מאל איינפארשטאנען דוקא מיט דער „טיימז". די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר זעהט געשפענסטער. פון די דרייסיג טויזענט, אז מען זאל גרינדליך אונטערזוכען, קאן זיך אויסלאזען אפשר א האלבער דוצענד. און אויך די זיינען אויסען בלויז די דושאבס, אבער ניט קיין קאמוניזם. יא, די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר שרעקט זיך גאנץ אומזיסט, און די „טיימז" איז גערעכט, ווען זי ערקלערט, אז פאר די אמעריקאנער ארביי־טער איז דער גאנצער רוסישער קאמוניזם דורך און דורך דיסקרעדיטירט סיי פון די רוסישע פיהרער און סיי פון די היגע. זיי זיינען אין גאנצען אויסגעשפילט.

צו פארבעסערן דער וועלט׳ס עקאנאמישע לאגע

סענאטאר באראה׳ס רעזאלוציע און דזשאן פיערפאנט מארגאנ׳ס אנבאט צו העלפען אייראפא. אן אפיציעלער סטייטמענט פון ווייסען הויז צייגט, אז ענדליך ביינט אמעריקא איהר פאליסי און א ווירקליכער אנפאנג ווערט געמאכט פאר עקאנאמישער פארבעסערונג פון אייראפא

פון ב. מיימאן.

יעדער מענש איז פון דער נאטור זעלבסטזיכטיג און ליעבט און מעהר ארייננכאפען פאר זיך, דאך מיינט דאס ניט, אז יעדער מענש מוז דורכאויס זיין א רבי אחר. פארשידענע מענשען, וואס טוען טובות אפילו יענע ווי האבען דערפון תועלת נאר ניט פאר זיך; אפילו יענע זיי פארשטעהען נאך עפעס דערביי. פארשידענע אנדערע וואס פארשטעהן, אז זייערע זעלבסטזיכטיגע אינטערעססען קענען בעסער געדיינט ווערען ווען זיי וועלען טהוען עפעס גוטעס פאר אנדערע אויך.

דאסזעלבע וואס איז מיט איינצעלנע מענשען איז אויך מיט גאנצע פעלקער. נאציאנען זענען פון דער נאטור (און אויך פון דער איינבילדונג פון פאליטשען פאטריאטיזם) זעלבסטזיכטיג און ווילען אלץ מעהר ארייננכאפען פאר זיך, אבער ניט אלע נאציאנען, און ניט אין אלע צייטען, קענען בלייבען כאפער און לאפער. עס קומט א צייט אין דער וועלט געשיכטע ווען נאציאנען מוזען אנהויבען צו טראכטען פון דעם וואהלזיין פון אנדערע נאציאנען, און ניט דוקא אונטער׳ן דרוק פון דעם פרומען „קריסטמעס" גייסט, נאר אין נאמען פון אייגענע עקאנאמישע אינטערעסען מוז מען אנהויבען טראכטען פון דער עקאנאמישער לאגע פון אנדערע פעלקער און לענדער. דוקא די זעלבסטזיכטיגע נאטור, דוקא די אייגענע אינטערעסען צווינגען צו טהאן עפעס פאר יענעם.

אזא צושטאנד האט איצטער עררייכט די פאראייניגטע שטאאטען.

צום ערשטען מאל האט אמעריקא אנגעהויבען ערנסט און אויפריכטיג צו קלערען ווי צו העלפען אייראפא זיך שטעלען אויף די פיס, און ווי ווייניג צוטרויען מיר זאלען ניט האבען צו די אמת ריינע מאטיווען און צו די ווירקליך הומאניטארישע אבזיכטען פון די פיהרער, איז עס אבער פארט א שריט פאראויס און דארף בעגריסט ווערען פון אלע רעכט־דענקענדע מענשען.

אין סענאט האט באראה פארגעשלאגען א רעזאלוציע, אז דער פרעזידענט זאל צוזאמענרופען פארטרעטער פון אנדערע מלוכות צו א קאנפערענץ אום צו רעדוצירען וואפען אויף די ימים און יבשות. די רעזאלוציאן שלאגט אויך פאר, אז יענער קאנפערענץ זאל זיין אן עקאנאמישער קאנפערענץ צו זעהן וואס טהאן אום די וועלט צו שטעלען אויף א בעסערען צושטאנד עקאנאמיש. די רעזאלוציאן לייענט זיך ווי פאלגט:

„דער פרעזידענט איז אויטאריזירט און ווערט אויפגעפאדערט איינצולאדען די רעגירונגען, וואס ער געפינט פאר פאסענד און נויטיג, צו שיקען פארטרעטער צו א קאנפערענץ. דיזער קאנפערענץ זאל האבען די אויפגאבע צו פארהאנדלען די עקאנאמישע פראבלעמען וועלכע עקזיסטירען איצטער אויף דער גאנצער וועלט מיט דער אבזיכט צו ברייגען צו אזעלכע פארשטענדניסע אדער אפמאכען, וועלכע וועלען געפונען ווערען פאר פאסענד און נויטיג צו דער ווידעראייפבויאונג פון האנדעל און וואנדעל, און איינצושטעלען א געזונטען פינאנציעלען צושטאנד; אויך צו פערהאנדלען די פראגע פון ווייטער צו רעדוצירען וואפען אויף די ימים און יבשות, איבערהויפט בנוגע דעם בעגרענעצען בויען פון אלע סארטען און סייזעס פון שיפען אונטער׳ן וואסער און אויפ׳ן וואסער פון 10,000 טאן אדער ווייניגער, און אויך פון בויען לופטשיפען".

מילא, אויף דעם וואס א סענאטאר, אפילו אזא וויכטיגער סענאטאר ווי באראה, האט פארגעשלאגען א רעזאלוציע וועגען אן עקאנאמישען קאנפערענץ וואלט געווען נאך ווייניג וואס צו בויען. אפילו ווען דער סענאט זאל דיזע רעזאלוציאן אננעהמען מיינט נאך ניט אז די אנדערע רעגירונגען וועלען דאס אננעהמען; און ווען אפילו די אנדערע מלוכות וועלען שוין יא אננעהמען און קומען צום קאנפערענץ מיינט נאך אליין נים, אז דארטען וועט שוין טאקע עפעס געטהאן ווערען. זעהן מיר דאך ווי פיעל קאנפערענצען עס זענען שוין געהאלטען געווארען פון די קאלפען־קעפ צייט די מלחמה איז געענדיגט געווארען, און פון די אלע קאנפערענצען, פילייכט מיט דער אויסנאהמע פון דער וואשינגטאנער קאנפערענץ, לעצטען יאהר, האט זיך אבסאלוט גאר ניט אויסגעלאזען. מיר וואלטען דארום ניט פיעל געבויעט אויף דער רעזאלוציע אליין, ווען אבער אין דער זעלבער צייט, וואס די רעזאלוציע ווערט פון סענאטאר באראה אריינגעטראגען אין סענאט, קומט דזשאהן פיערפאנט מארגאן, און עליהו רוטה, צום פרעזידענט און לייגען פאר א פלאן צו לייהען דייטשלאנד אנדערהאלבען ביליאן דאלאר ($1,500,000,000), און אין כטייט דעפארטמענט זיצט דער דייטשער אמבאסאדאר, אטא וויעד־פעלד, און קנעלט מיט דעם סעקרעטער אין סטייט, אז אויב דייטשלאנד קריעגט ניט קיין שנעלע הילפע ווערט זי אינגאנצען רואינירט, אז איהרע אינדוסטריען וועלען אבסאלוט צוזאמענברעכען, איהרע פינאנצען וועלען געהן באנקראט, און דאס לאנד וועט אפשר אריינגעווארפען ווערען אין אזא שרעקליכער און בלוטיגער רעוואלוציאן וועלכע וועט אויפטרייסלען די וועלט; און זען נאך דעם ווי מיר ווערען געוואהר דיזעס אלעס, הערען מיר ווי פרעזידענט הארדינג אליין קומט ארויס מיט א סטייטמענט, אז „מען מוז העלפען שטעלען איירופא אויף די פיס!" — ווען מיר נעהמען דיזע אלע זאכען צוזאמען, קומען מיר צום שלוס, אז די מיינונג איז ענדליך געקומען! ענדליך, ענדליך נעהמט זיך אמעריקא ערנסט און אויפריכטיג העלפען דער איבעריגער וועלט צו פארבעסערן איהרע עקאנאמישע לאגע.

איז דזשאהן פיערפאנט מארגאן געווארען אזא גרויסער פילאנטראפ? וועלען די אמעריקאנער באנקירען מאכען א הלואה צו דייטשלאנד אויף אנדערהאלבען ביליאן דאלאר לשם שמים? מיינען ווירקליך די פאליטישענס בלויז די טובה פון די אייראפעאישע לענדער? — וועגען דיזע אלע זאכען איז איצטער איבעריג צו ריידען. אודאי וועלען די אמעריקאנער באנקירען אפלעקען א פעטען ביינדעל, און די פאליטישענס זענען ניט מיט אמאל געווארען גרויסע בעלי־תשובה׳ניקעס, אבער גראד איז איצטער אזא צייט, אז טראץ דיזע אלע זאכען דארפען רעכט־דענקענדע מענשען זיך פרעהען מיט דיזען נייעם שריט.

וויכטיג איז אויך צו וויסען, אז די ענדערונג אין דער אמעריקאנער פאליסי איז געקומען דורכ׳ן דרוק פון דער עקאנאמישער לאגע, דא אין לאנד אליין. דאס, וואס אמעריקא האט ניט וואו אפצוזעצען איהרע פראדוקטען האט געצוואונגען מעהר ווי אלעס צו קומען צום שכל, אז דיזע לאנד קען ניט בלייבען אייביג אין איהר אבגעזונדערטקייט און אז „ווען מ׳שעהרט די שאף ציטערען די לעמער"... דער אינטערנאציאנאלער געדאנק, אז אום אונזער לאגע זאל זיין א געזיכערטע מוזען מיר אויך פארבעסערן די לאגע פון אנדערע נאציאנען, איז געקומען פון דעם סאמע עלעמענטארסטען לעסאן אין פאליטישער עקאנאמיע.

אט איז א סטייטמענט פון סענאטאר באראה:

„מיר דרעהען זיך אין דער פארבשוס׳טער ראד: מיר האבען געזעצטע וועגען הייכע טאריפען, פונדעסטוועגען איז דער נויט־געשריי פון די פראדוצירער אין דיזען לאנד איצטער מעהר הארצרייסענד דען אין איזגענד וועלכער צייט נאך דער מלחמה. דער פארמער קען ניט געפינען קיין מארק פאר זיינע סחורות פון יענער זייט ים, און אהן א מארק פאר די איבערגעבליבענע פראדוקטען קען ער ניט ארויסקריגען די ווערטה פון דעם וואס ער פראדוצירט.

מיר געהען איצט דורכפיהרען א „שיפ סובסידי ביל" אבער עס זיינען ניטא קיין פראכטען צו פיהרען און קיינע מעיקע צו פערזארגען. מיר זאלען אוועקגעבען אונזערע אלע מיליאנען צו סובסידירען, וואלט דאס ניט געהעלפענט קיין איינציגען מארק און וואלט ניט בעשאפען קיין שום פראכט פאר די שיפען. דיזע זאכען ווערען ניט בעשאפען דורך קיין סובסידיעס (געלטשטיצע). מעיקע ווערען געהעלפענט און פראכטען ווערען נויטיג ווען מענשען געהען צוריק צו דער ארבייט און שטעלען זיך צוריק איין צו טהאן די טעגליכע געשעפטען, ניט דורכ׳ן ארויפלייגען טעקסעס אויף צו געבען גרעסערע סובסידיעס".

באראה פארטרעט די זאגענאנטע „פראגרעסיווע גרופע" אין דעם אמעריקאנעם קאנגרעס. אין אמעריקא איז געווען דער מאדנער צושטאנד וואס גראד די פראגרעסיווערע מיטגליעדער זענען געווען געגען די אינטערנאציאנאלע שטרעבונגען, און געגוואלדעוועט אין נאמען פון שטרייגען נאציאנאליזם געגען העלפען אנדערע. א מאדנער צושטאנד. אין אנדערע לענדער זענען די שווארץ־מאה׳ניקעס די, וואס שרייען אין נאמען פון אייגען נאציאנאליזמוס און די פראגרעסיווערע ווילען דורכאויס זיך צוזאמענמישען מיט די אינטערעסע; פון אנדערע פעלקער. ביי אונז איז דאס געווען פארקעהרט. דא איז ניט דער פלאץ זיך אריינצולאזען אין נאכפארשונגען פאר וואס דאס האט גראד אזוי פאסירט, אבער עס איז צו בעגריסען דעם פאל, וואס באראה, אלס פארטרעטער פון דער פראגרעסיווער סעקציע, איז ארויסגעטראטען פאר דעם.

און צוזאמען מיט באראה׳ן איז אויך ארויסגעגעבען געווארען אן אפיציעלער סטייטמענט אין ווייסען הויז וואס ציינט אן, אז עס האלט גאר נאהענט ביי א ווירקליכער נעהמען זיך צו דער ארבייט צו העלפען עקאנאמיש אייראפא.

מיט נאך א זאך מעגען מיר זיך פאלקאמען פרעהען: פון אפילו די סאמע קאנסערוואטיווסטע קוועלען קומען די פארזיכערונגען, אז פינאנציעלע הילפע וועט געגעבען ווערען צו איירעפעאישע מלוכות בלויז אויף איין באדינג:

(שלוס אויף זייט 11)

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

א גוטער מענש איז פרעזידענט הארדינג. איהר מוזט עס צוגעבען, אפילו ווען איהר זיינט זיין פאליטישער געגנער. דערמאנט זיך, צו באפרייען גאנצע אכט אינדאסטריאלניקעס, פאראורטיילט אין דער צייט פון מלחמה יעדער איינער פון זיי צו צוואנציג און צו צעהן יאהרען פריזאן און אלע צוזאמען צו 90 טויזענט דאלער שטראף, דערצו געהערט א מענשליך־פיהלענדע הארץ. אבער מילא די באפרייאונג, ווי די באפרייאונג. פאר דער דאזיגער טובה ווערען זיי ארויסגעשיקט פון אמעריקא. אבער דאס, וואס ער האט זיי געשענקט גאנצע 90 טויזענט דאלער, דאס איז ווירקליך שעהן פון איהם!

אונזער ארבייטס מיניסטער דייוויס האט אנגעגעבען די צאהל פון „פרעמדע", וואס „פאסען זיך נים" („אנפיט") פאר אמעריקא און דארפען ארויסגעשיקט ווערען פון לאנד אלס 70 טויזענט. פאר וואס עפעס 70 טויזענט, און נים 69, אדער נים 71, ווייס איך נים אויף קלאר. אבער איך בין מיר משער זיין חשבון, ווי פאלגט: די קאמוניסטישע פארטיי, האט ער געהערט זאגען דעם סעקרעטאר פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין אמעריקא, צעהלט 30 טויזענט. הייבט ווי האט עס נים יעדער מיטגליד איינעם מיט אן עפעס אנהענגער? אלזא, דער חשבון שטימט: פונקט 70 טויזענט. אונזער ארבייטס מיניסטער ווייס אבער נים, אז דער קאמוניסטישער סעקרעטאר, ווען ער קומט צו ציפער, האט ליב שטארק מגזם צו זיין.

ווען עס וועט שוין זיין נאך אלעמען, און דער ארבייטער וועט שוין ווערען דער אמת׳ער בעל־הבית איבער אלץ, וואס ער שאפט, און וועט „געניסען די פולע פרוכט פון זיין ארבייט", וועט די געשיכטע דערמאנען דעם נאמען פון א. הענרי דיקס, וואס האט איבערגעגעבען זיין פעקטארי צו זיינע ארבייטער, אלס זייער אייגענטום, נים נעמענדיג קיין סענט פון זיי, אלס איינעם פון די ערשטע, וועלכער האט אפגעגעבען מיט גוטען.

וואלט די רוסישע רעגירונג געפאלגט מיר, וואלט זי קיין אויסלענדישען ציימונגס פארטרעטער נים געלאזט בלייבען אין רוסלאנד לענגער ווי א פאר וואכען. נעמט דוראנטי. די ערשטע צייט האט ער געזעהן אלעס אין אזא שעהנעם ראזיגען קאליר. איצט, אז ער איז שוין דארט א ביסעל לענגער, הויבט ער אן צו זעהן אלעס גאנץ אנדערש. אט וואס ער שרייבט צווישען אנדערעס אין איינעם פון זיינע לעצטע קארעספאנדענצען: „מיט ווייניג אויסנאהמען, האבען די רוסען די פעהיגקייט צו מאכען וואונדערבארע פלענער. דאן, נאך דעם, ווי זיי זיינגען הויכע לויבגעזאנגען פאר די פלענער, ווארטען זיי, אז זיי זאלען זיך אליין אויספיהרען. איינער הערט אויף צו וואונדערען זיך, דאס די רוסישע שטאט אינדוסטריע מאכט אזא ארימען פראגרעס, ווען ער באדענקט, אז פאר יעדען לאמאנאסאוו (אן עהרליכער און פעהיגער אינזשינער) זיינען דא א דוצען אומפעהיגע און צוואנציג כאבארניקעס".

איך האב נים לאנג צוריק ציטירט א פאר ווערטער פון דעם באקאנטען אקטיאר וויל ראזשערס. און אט האט איהר נאך א גוט ווארט פון זיין ארטיקעל אין דער „טיימז". „איהר ווייסט, שרייבט ער, וואס מעהר איהר לייענט און באטראכטעט די זאך, וואס הייסט פאליטיקס, דאס אלץ מעהר מוזט איהר צוגעבען, דאס יעדע פארטיי איז ערגער פון דער צווייטער. די, וועלכע איז דרויסען, די זעהט אויס אם בעסטען. מיין איינציגע לייזונג וואלט געווען צו האלטען זיי ביידע דרויסען".

אן אמת שעהנעם שבת צו די ארבייטער האט לעצטע וואך אפגעגעבען טשארלז מ. שוואב, איינער פון די בארימטע שטאל־מאגנאטען, אין זיינער א רעדע פאר דער „עדיוקיישאן אסאסיאיישאן אין פענסילווייניא". ער האט ערקלערט, דאס די דורכשניטליכע עהרליכקייט פון דעם דורכשניטליכען אמעריקאנער בירגער — פון דעם ארבייטערקלאס, איז העכער, ווי די פון די זאגענאנטע „העכערע בירגער". אז ער איז גערעכט, איז גאר קיין ספק נים, אויב עס איז אמת דאס ווערטעל, אז דער עהרליכער מאן איז אימער אויף צרות.

אונזערע אסעמבלי לייט און סענאטארען אין אלבאני האבען שוין לאנג צוריק פארלאנגט א ווידזש העכערונג פאר זיך. זיי האבען אבער קיינמאל נים געקאנט אנגעבען א ריכטיגען גרונד פאר זייער פארלאנג. איצט אבער, אז גאווערנאר סמיטה האט אליין בארשלאסען פארצולייענען זיינע מעסעדזשעס, און נים איבערלאזען דאס צו דעם קלוירק, וועלכער, אום נים צו נודיענען די אסעמבלימען און די סענאטארען, פלעגט א היבשע ביסעל פון דעם גאווערנאר׳ס חכמת אויסלאזען — איצט, דאכט זיך מיר, וועלען אונזערע געזעצגעבער נים זיין גאנץ אומגערעכט, ווען זיי וועלען פאדערען, אז זייער באלוינונג זאל געהעכערט ווערען.

לעצטע וואך זיינען אפגעהאלטען געווארען צוויי קאנווענשאנס, איינע פון דעם סאציאליסטישען פארבאנד, די צווייטע פון דער „ווארקערס" פארטי. איז פאר דער לעצטער האט די פרעסע אפגעגעבען דעם אויבען־אן, און די ערשטע האט זי פארשוויגען, אבער לחלוטין טויט־געשוויגען. און די אורזאכע איז אן איינפאכע. די לעצטע האט זיך משום לעבערליך געמאכט: גערעדט פון דיקטאטור פון פראלעטאריאט, פון א סאוועט רעגירונג אין אמעריקא, און נאך אזעלכע לאנג־עקספלאדירטע ווערטלאך. די ערשטע, די קאנווענשאן פון פארבאנד, האט געטאן גוטע, אויפבויענדע ארבייט פאר דעם ווייטערען פארשריט פון סאציאליזם, און פאר דעם האט די קאפיטאליסטישע פרעסע נים געפונען א ברעקעל פלאץ.

איצט, אז די דיפלאמאטען האבען, זינט די מלחמה האט זיך נאמינעל געענדיגט, גאר נים געקאנט אויפטאן פאר דעם איינשטעלען פון א ריכטיגען פרידען, געהען זיך נעמען פאר דער דאזיגער אויפגאבע אונזערע פינאנסיסטען. און אין די דאזיגע קאנפערענצען איז שוין אמעריקא אויך מרוצה זיך צו באטייליגען. פאר וואס זאלען די פינאנסירען האבען מעהר ערפאלג, ווי די דיפלאמאטען, וועלכע האבען זא־ווי־זא נים געטאן א טריט אהן זיי, פארשטעה איך נים. און אין אלגעמיין, ווער קאן מיט דעם מינדסטען רעכט באהויפטען, אז די מענשען, וועלכע האבען פארשטאנען אנצופילען זייערע ביימלען מיט דער פראצע פון אנדערע, זיינען די ריכטיגע מענשען פאר אזא גרויסער ארבייט, ווי איינשטעלען פרידען אויף דער וועלט?

עס האט שוין געהאלטען גאר נים ווייט, אז די קאנפערענץ אין לאזאן זאל זיך ענדיגען מיט ערפאלג. די עליים האבען פארקוקט די הונדערטע טויזענטע לעבענס, וואס זיינען אויסגעשאכטען געווארען פון די טערקען, האבען איגנארירט דעם פאקט, דאס די טערקען וועלען אויסקוילענען די פארשיידענע מינאריטעטען אין די טעריטאריעס, וואס זיינען אונטער זייער הערשאפט — און אלץ, אבי איינצושטילען דעם טערק. איז אבער געקומען צו דעם ריכטיגען ענין — אויל, און די גאנצע קאנפערענץ האלט ביים צוברעכען ווערען, און די געפאהר פון א מלחמה איז ווירקליך, ווי עס הייסט, גאר נים ווייט.

צווישען דער „טיימז" און דער אמעריקאן

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

סעם דרעזינסקי. — עס טוט אונז זעהר לייד, אבער מיר קאנען ניט, מיר טארען ניט ערפילען אייער פארלאנג און פארעפענטליכען אייער בריף, און צוליב פאלגענדע טעמים: ערשטענס האט זיך די „גערעכטיגקייט" ביז איצט אויסגעהיט פון צו נעמען אנטייל אין די וואהל־קאמפּיינס פון די לאקאלס. גוט אדער שלעכט, אבער דאס איז די אנגענומענע פאליסי פון דער „גערעכטיגקייט" אין באצוג צו דעם ענין, און מיר ווילען ניט צוליב אייך און ניט צוליב וועמען אנדערש אפּוייכען פון דער שטעלונג. אויב איהר זיינט א שטענדיגער לעזער פון דער „גערעכטיגקייט", ווייסט איהר עס געוויס, דאס ניט מיר האבען אנדערע און אויך ניט זיך אליין ערלויבט צו פארטיידיגען די אדער יענע פארטיי. מיר האבען זיך ערלויבט צו פארשיידענע צייטען א ווארט פון קריטיק, אבער דאס איז שוין געווען נאך די וואהלען. דאס איז איינס. דאס צווייטע, שיינט אונז, אז אייער אנקלאגע געגען די, וועלכע, לויט אייער מיינונג, האבען אויך גע־שטערט אין דער אויספיהרונג פון אייערע פליכטען, איז עפּעס, וואס קאן שטארק דע־באטירט ווערען, און עפענען פאר אייך די קאלומנען פון דער „גערעכטיגקייט" און ניט לאזען אנדערע צו ערקלערען זייער שטעלונג, וואלט דאך געווען אן „אומגערעכטיגקייט". מיר וואלטען דאן געמוזט עפענען א גאנצע דעבאטע, און אונז דאכט זיך, אז איצט, ווען די גאנצע אנגעלעגענהייט ווערט גרינדליך אונטערזוכט פון דעם דזשאינט באארד, און וועט נאך פיליכט מוזען אנקומען צום דזשע־נעראל עקזעקוטיוו באארד, איז אזא דעבאטע ניט אם פלאץ. דער פאקט איז, דאס אין אייער בריף גיט איהר נאר אנצוהערעניש אויף א געוויסען פאל, וואס דאס באווייזט, אז איהר ווילט ניט, און האלט ניט פאר ריכטיג ארויס־צוקומען קלאר און דייטליך, טא אויב אזוי, אויב עס איז עטוואס, וואס נאר די פאראינ־טערעסירטע קאנען פארשטעהן, דאן קאן עס ניט און דארף עס ניט ווערען פארעפענטליכט. וואס ווידער אנבאטרעפט דער פראגע פון צו־טיילען דעם לאקאל, געגען וואס איהר, ווי עס איז קענטיג פון אייער בריף, זיינט שטארק דאגעגען, דאכט זיך אונז, אז דוקא אייער בריף ברענגט א גאנץ גוטען ארגומענט פאר א פאראנדערגעהען־זיך. ווארום, אויב איהר אין אייער עקזעקוטיוו זיינט געשטערט געווארען אין דער אויספיהרונג פון אייער ארבייט דורך דעם אייביגען וואַרפען דעם גט פאר די פיס, דאן איז שוין גלייכער איינמאל צו'גט'ן זיך, ווי שטענדיג קריגען זיך. מיר בעטען אייך ניט אנצונעמען עס פאר אונזער פעסטע מיינונג. מיר זאגען נאר, דאס דוקא אייער בריף פיהרט אונז צו דעם שלום. און נאך עפּעס, און מיר זיינען צו־ענדע. איהר מיינט, אז ביי א מאסמיטינג קען מען „דעבאטירען און אויסגלייכען אלערליי פּראבלעמס". נאך אונזער מיינונג, איז א מאסמיטינג, ניצליך און גוט, ווי ער מעג זיין פאר אנדערע צוועקען, קען ער אבער קיינמאל ניט פיהרען צו דעם צוועק, וואס איהר שטעלט איהם. צו דע־באטירען און קלאר ווערען איבער פארשידענע סכסוכים איז דוקא זעהר גוט דער קלענער מיטינג, דער מיטינג פון ברענטש. פאר קיין פאל אבער ניט דער מאסמיטינג.

מ. קויפמאן. — ערהאלטען אייער „גריטינגס און דהי סיזאן". און אזוי ווי איהר זענט געווען דאס מאל דער איינציגער, וואס האט דורך די קארטעל ארויסגעוויזען אונז אייער פריינדשאפט, מוזען מיר זיך אנטאן דעם פארגעניגען און אויסדריקען אייך אונ־זער דאנק, און אייך זאגען, אז מיר שעצען זעהר שטארק אייער פריינדשאפט. אגב זיי־נען מיר שולדיג אייך א דאנק פאר אנ'אנדער אקט פון פריינדשאפט, און מיר באנוצען זיך מיט דער איצטיגער געלעגענהייט. פילע מאל האבען מיר אייך געוואלט „אנקלינגען", אבער עס איז ניט געווען די ריכטיגע שטימונג. דריקט אויך אויס אונזער דאנק ברודער קאהן. ווירקליך מיר שעצען די דאזיגע פריינדשאפט זעהר הויך.

אידישע סאציאל־דעמאקראטישע פאר־טיי, רומעניען. — אייער אויפרוף איז דאך גערוכטעט מעהרסטענס צו די גנאסען אין רומעניען, דערפאר איז עס פון קנאפען נו־צען איהם איבערצודרוקען אין דער „גערעכ־טיגקייט". מיר וועלען דארום אין קורצען אי־בערגעבען, אז איהר האט באשלאסען ארויסצו־געבען א טעגליכע צייטונג אונטער דעם נא־מען „דאס נייע לעבען", וועלכע האט זיך גע־שטעלט אלס איהר צוועק „ארומצוזאמלען ארום איהר די אידישע ארבייטער־מאסען און צו זיין דער סימבאל פון א נייער עפּאכע אין דער אידישער ארבייטער־באוועגונג אין רו־מעניען." אז אייער ציל איז א גרויסער און אז מיר סימפאטיזירען מיט איהם פון גאנצען הארצען, דאס דארפען מיר אייך ניט זאגען. אין פאקט, מיר שליסען זיך אן אן אייער אויפ־רוף צו די אמעריקאנער אידישע ארבייטער־מאסען צו העלפען אייך, ווי וויט זיי זיינען נאר אימשטאנד. מעהר פון אלץ דארפען זיך אפּרופען אויף אייער פארלאנג די רומענישע אידישע ארבייטער, וועלכע געפינען זיך אין אמע־ריקא. אלע די, וועלכע ווילען עטוואס טאן פאר אייער גרויסע אונטערנעהמונג, קענען זיך ווענדען אויף דעם אדרעס פון י. שעפּקין, 540 איסט 149טע סט., ניו יארק.

פאר דעם שרייבער פון פאסטהארד אהן א נאמען. — בריף, אונטער וועלכע איי־נער האט מורא אונטערצושרייבען זיין פולען נאמען, ווערען פון אונז געוועהנליך איגנאר־ירט. אבער אזוי ווי איהר רעדט אין אייער בריוועל וועגען פערזאנען, וואס האבען געטאן גאנץ וויכטיגע ארבייט פאר אונזער יוניאן, און אויף א העכסט־ניט־שעה־נעם שטייגער: „מען זאגט, איינער זאגט, א צווייטער זאגט", און איהר ווילט נאך, אז מיר זאלען אייך ענטפערען אויף דעם, ערקלערען מיר אייך, אז מיר וועלען אייך ניט ענטפע־רען, ביז איהר וועט ארויסקומען אין אייער בריף, ערשטענס, מיט אייער אייגענעם נא־מען, און צווייטענס, ניט פארבאהאלטען זיך הינטער „מען", „איינער", „א צווייטער", נאר ארויסקומען מיט לשון, פון וועמען איהר האט עס געהערט. ביז דאן וועלען מיר בא־טראכטען אייער בריוועל פאר א דאנאס, פאר א פאסקוויל, צו וועלכע מיר קענען ניט און ווילען ניט שענקען די מינדעסטע אויפמערק־זאמקייט.

רושייקאב געלער. — דער גרייז, אויף וועלכען איהר ווייזט אן, איז שוין גארניט קיין געפעהרליכער. און מאקי דערפאר ווייל איהר האט אליין געמאכט איהם צו פאר־ריכטען. מיר האפען אבער, דאס אין דער צוקונפט וועלען די גרייזען אין דער צייטונג ווערען וואס ווייטער. ביז איצט איז די קארעקטור אין דער צייטונג געמאכט געווא־רען פון א גאנץ גוטען שרייבער, אבער פון א זעהר ניט־גראמטענעם קארעקטאר. איצט האבען מיר אנגעשטעלט אויף דעם פארלאנג פון דער שריפטזעצער־יוניאן א פראפעסיא־נעלען קארעקטאר, און לאמיר דארום האפען אויף דאס בעסטע. עס קומט דאך מאקע א ניי יאהר, און יעדער איינער מישט איבער א נייע בלעטעל. קען זיין, אז אויך אונזער קארעקטור וועט עפענען א נייע בלעטעל. וואס אנבאטרעפט אייער ענטפער צו דעם, וואס האט די „גערעכטיגקייט" ערקלערט אלס „שמוץ־בלעטעל" האט ער דאך שוין געקראגען זיין ענטפער. עס פרעהט אונז אבער, וואס מיר האבען לעזער, וועלכע האלטען פאר נויטיג אויסצודריקען זייער פראטעסט געגען אזעלכע נארישע און העכסט־באליידיגענדע באהויפּ־טונגען. אייער פראטעסט איז פאר אונז פון באזונדערער וויכטיגקייט, ווייל לויט אייער ערקלערונג, זענט איהר ניט אלע מאל איינ־פארשטאנען מיט אונזערע מיינונגען איבער די רוסישע „פאראנדקעס". אט דאס איז א גראד פון טאלעראנץ וואס איז פון דער העכסטער וויכטיגקייט פאר אונזער ווייטערען פראגרעס בכלל, און פון אונזער יוניאן־טעטיגקייט בפרט.

א. ראַווסקי. — אונז דאכט זיך, אז איהר פארשטעהט שלעכט די גאנצע לאגע. און פונקט אזוי שלעכט דעם שעהנעם שטימונגס־ארטיקעל פון „בן הרב". ערשטענס, ווען אייער גאט וואלט ניט געווען קיין ליימענער געטשקע, וואלט איהם גארניט איינגעפאלען צו שטעלען אזא פאדערונג, ניט צו האבען קיין געגען־קאנדידאט. אין א לאנד פון דע־מאקראטיע האט יעדער א רעכט צו שטרע־בען צו דעם גרעסטען אמט, אפילו צו ווערען פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען. די וואומערס מעגען פאר איהם ניט וואוטען, דאס איז זייער זאך, אבער זאגען איינעם, דו טארסט ניט וועלען זיין פרעזידענט, מענע־דזשער, דו טארסט זיך גאר אויפ'ן באלאט ניט שטעלען, דאס איז משוגעת, געפּארט מיט אונגעהערטע חוצפה. און וואלט די מעמ־בערשיפ באזעסען א טראפען עהרען־געפיהל, וואלט זי גלייך דערזעהן, אז איהר גאט איז א גולם אויף ליימענע פיס. צווייטענס, דער פאקט, אז נאך די אלע געשרייען האט ער דאך אנגענומען צו שטעהן אויף איין באלאט מיט זיין געגען־קאנדידאט, רעדט דאס גופא שטארק געגען זיין ערנסטקייט, און עס קומט ארויס, אז דאס גאנצע איז בלויז געווען א מיטעל צו מאכען טומעל און צומישען די מוחות. דריטענס, איז עס זעהר ניט ריכטיג, ווען איהר שרייבט, אז „די מעמבערס ווילען האבען א בעסערע, א שטארקערע יו־ניאן". וואלטען זיי נאר דאס ווירקליך געוואלט, דאן וואלטען זיי גאנץ אנדערש גע־האנדעלט, ווי ביי יענעם מיטינג. דער פאקט איז, אז אט וועגען דער פראגע זיינען די מיינונגען געווען שטארק צוטיילט. איהר מיינט, אז די יוניאן וועט זיין שטארקער און בעסער אונטער דעם מענעדזשמענט, אנ־דערע מיינען אנדערש. צוליב דעם זיינען דא וואהלען, און ווער עס קריגט די מעהר־צאהל שטימען, פארנעהמט דעם כסא המלוכה. אבער צו וואס די געוואלדיגע געפילדערס, די משונה'דיגע באשולדיגונגען? אט דאס האט געמיינט ארויסצוברענגען דער ארטיקעל פון „בן הרב". דאס אלעס ווערט געשריבען, נאך איידער די וואהלען אין אייער לאקאל האבען שטאטגעפונדען. פון דעסטוועגען זאל עס פאסירען, אז די וואהלען זאלען זיין צו גונסטען פון דעם, וועמעס אויפפיהרונג מיר טאדלען איצט אזוי שטארק, וועלען מיר, פון אונזער זייט, פארגעסען אן די אלע נא־רישקייטען זייניגע, און ער וועט פון אונז קריגען די פולסטע סימפאטיע. דאסזעלבע, דענקען מיר, דארפען טאן אלע, וועלכע וועלען האבען געשטימט געגען איהם. נאר אויף אזא אופן קען א יוניאן מאן ריכטיג איהר אר־בייט. עס טוט אונז ווירקליך לייד, וואס אייער לאקאל האט אין דעם לעצטען יאהר ניט געהאנדעלט אין דעם גייסט, און דערפאר אליין, קען זיין, איז ניט אלץ געטאן געווא־רען וואס עס האט געקענט געטאן ווערען.

געזונדהייטס-פראגען

צו די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

דאס איז דער אנפאנג פון א סעריע ארטיקלען איבער „העלטה־עדיוקיישאן".

דיזע ארטיקלען זיינען ביי מיר ארויסגערופען געווארען נאך פילע יאהרען שטודירען און דורך דער ערפאהרונג, אלס דירעקטאר פון סאניטערישען, אלס דאקטאר, וואס האט דאס צוטרויען פון די ענערגישע מיט־גלידער ארבייטער, וועלכע האבען זיך באנוצט מיט די דינסטען אין דעם יוניאן העלטה־סענטער.

מאנכע פון די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל ווייסען נאך אפשר ניט, אז עס עקזיסטירט א יוניאן העלטה־סענטער, אין 131 איסט 17טע סטריט, ניו יארק. אנדערע ווייסען, זיינען נאך אפשר ניט באקאנט מיט זיינע פונקציעס. אין צי אט די מיטגלידער זאגען מיר: דער יוניאן העלטה סענטער, איז דורכאויס

א יוניאן אינסטיטוציע

אויפגעבויט און געפירט אויסגעהאלטען פון דער יוניאן און פון די מיטגלידער.

דער יוניאן העלטס סענטער איז א קינד פון דעם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל", מיט וועלכען איך בין פארבונדען זינט נאך דעם קלאוקמאכער סטרייק אין יאהר 1910. אויף א פארשלאג פון מיר לאנ־ווארען פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, דעמאלט איינגעקליבען גע־פארטרעטען די יוניאן אין דעם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל", וואס איז דעמאלט עטאבלירט געווארען, אויסצופאסען אויף די סאניטארי צושטאנדען אין שעפער פון דער קלאוק אינדוסטריע. אין דערזעלבער צייט האבען מיר אויך געדארפט אכטונג געבען, די שעפער זאלען זיין באווארענט געגען פייער־געפאהר.

מיר האבען אבער באלד אויסגעפונען, אז דאס געזונד פונ'ם ארבייטער איז פונקט אזוי וויכטיג ווי ריינע שעפער. דאס האט ערשטענס געפיהרט צום געדאנק, די לאקאלס זאלען איינפיהרען קאנסאמפשאן און קראנקען בענעפיטס, און שפעטער צו דער עטאבלירונג פון א מעדיקעל קליניק, אין אפיס פון „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל", אין 31 יוניאן סקווער. און שפעטערצו האבען מיר דארט אויך געעפענט א דענטאל קליניק.

אין אנפאנג איז דיזע ארבייט געטאן געווארען בשותפות, פונ'ם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל" און פון די לאקאלס וואס האבען ביי זיך איינגעפיהרט קראנקען און קאנסאמפשאן בענעפיטס. אבער אין יאהר 1919 האבען זיך די קליניקס אזוי צעוואקסען, דאס מען האט גענומען טראכטען, דאס אום מען זאל קאנען מיט דער ארבייט אנגעהן זיי אמבעסטען, דארפען די ארבייטער, דורך זייער יוניאן, אליין טראגען אויף זיך די גאנצע פאראנטווארטליכקייט. און מען איז געקומען צום שלום, אז אזא אינסטיטו־ציע דארף פארזארגט און קאנטראלירט ווערען נאר פון די ארבייטער.

אלזא, אין יאהר 1920, האבען די אינטערנעשאנאל לאקאלס 1, 6, 9, 10, 11, 23 און 35 געקויפט די הויז אין 131 איסט 17טע סטריט וואו עס געפינט זיך איצטער דער יוניאן העלטה סענטער. 30 טויזענט דאלאר האבען די לאקאלס באצאהלט פאר דער הויז און נאך 50 טויזענד דא־לאר האט געקאסט איבערצובויען דאס הויז און די אויסשטאטונג פון די מע־דיקאל און דענטאל קליניקס וואס דארטען געפינען זיך.

אין די לעצטע עטלאכע יאהר האבען אונזערע קליניקס זיך גאנץ ברייט צעוואקסען. דער מעדיצינישער דעפארטמענט אליין באשעפטיגט א סטעף פון צוואנציג דאקטוירים און ארום 15 טויזענט ארבייטער ווערען דורכ'ן יאהר באהאנדעלט.

אונזערע קליניקס ווערען כסדר פארגרעסערט. מיר האבען א פולשטענ־דיגע מעדיצינישע לאבאראטאריע מיט אן עקס ריי דעפארטמענט, וואו לאבאראטארי און „עקס־ריי" אונטערזוכונגען ווערען געגעבען צו די מיט־גלידער פאר א גאנץ קליינעם פרייז.

דאסגלייכען האט זיך אויך צעוואקסען אונזער דענטאל דעפארטמענט. אין 1917 האבען מיר געהאט דריי טשערס, איצט האבען מיר צעהן טשערס. צווישען 1918 און 1922 האט זיך די ביזנעס אין דעם דעפארטמענט פארגרע־סערט אויף גאנצע 400 פראצענט. דאס איז די איינציגע אינסטיטוציע אין לאנד פון דעם סארט און האט נישט צו זיך קיין גלייכען. דאס איז דער ערש־טער און איינציגער ארבייטער דענטאל קליניק וואס ווערט געפיהרט אויף א ריין קאאפעראטיווען באזיס. און ווען מען נעמט אין באטראכט, דאס דורך דעם יאהר האבען די געשעפטען פון דעם דעפארטמענט באטראפען ארום פופציג טויזענד דאלאר, קאן מען זיך פארשטעלען וויפיל געלד עס האבען גע־שפארט די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל וואס האבען דארט זיך גע־היילט די צייהן. און ניט אין געלט אליין האבען זיי געשפארט, ווי האבען אויך געשפארט אין געזונט.

* * *

דאס וואס מיר האבען דא געזאגט איז נאר אן איינלייטונג צו דעם וואס מיר האבען צו דערציילען די לעזער פון די „גערעכטיגקייט". מיר האבען בדעה צו רעדען צו אייך יעדע וואך, פאר די נעקסטע פאר מאנאטען. נא־טירליך וועלען מיר יעדע וואך איבערגעבען עפּעס אנדערש, אין דעם לעבען פון דער אינסטיטוציע וואס וועט זיין אינטערעסאנט און אויך באלערנד.

דערווייל וועט ניט זיין איבער'ן וועג אייך באקענט צו מאכען מיט די פאלגענדע פאקטען:

אונזער מעדיקעל דעפארטמענט איז אפען פון 10 אין דער פריה ביז 7 אין אווענט, יעדען טאג א חוץ פרייטאג און זונטאג. אונזערע ספעציעלע מעדיקעל קליניקס זיינען אפען פון 11 אין דער פריה ביז 1 מיטאגציים און פון 5 פארנאכט ביז 7 אין אווענט. דער דענטאל דעפארטמענט איז אפען פון 10 אין דער פריה ביז 8 ביי נאכט יעדען טאג, א חוץ זונטאג.

* * *

דער צוועק פון דעם יוניאן העלטה סענטער איז צו זיין אן אינסטי־טוציע, וואו אונזערע מיטגלידער זאלען באקומען יעדע אויסקונפט וועגען געזונדהייטס פראגען און אויך יעדע מעדיצינישע הילף פאר זיך און זייער פא־מיליע. אין די וויטערדיגע ארטיקלען וועלען מיר געבען אנצייגען, וואס די ארבייטער קאנען האבען, אינדיווידועל און קאלעקטיוו, פון זייער יו־ניאן העלטה סענטער. עס ווילט זיך האפען, דאס גאר אין גיכען וועט דער יוניאן העלט סענטער דינען אלע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן אין ניו יארק און זייערע פאמיליעס.

דר. דזשארדזש מ. פריים, דירעקטאר. הערי וואנדער, טשערמאן.

„פיקטאריום“

(ערצעהלונג)

פון י. אפאטאשו

פון כפיז האט געהאלטען אין איין רעגענען. די פאריזש זיינען געווען לעדיג. די נאקעטע בוימער אהן בלעטער זיינען אויס שווארץ געווארען פון פייכטקייט און פון די צווייגען, ווי פון רינעם, האט געשטראמט וואסער.

ליזע האט געפיהרט העררי'ן פון איין אלעע אין דער צווייטער — געזוכט אן ארט וואו זיך אויסצובאהאלטען פון רעגען. זי האט געקענט יעדעס באהאלטענע ווינקעלע פון פארק, וואו מען האט זעלטען ווען געזעהן א דורכגעהער, געוואוסט וואו די בוימער זיינען געדיכטער, צעצווייגט, אז מען האט אפשר אין די זומער נעכט קיין שטערען נישט דורכגעזעהן און, ווי אויף צו להכעיס, וואו זי איז איצט נישט צוגעקומען מיט העררי'ן האט זיך איהר געדאכט אז די פלעצער זיינען נישט די זעלבע. די נאקעטע בוימער זיינען, ווי איבער נאכט איינגעדראַרט געווארען, זיך איינגעקארטשעט און פון די צווייגען, ווי פון צודרעהטע לאפעס, האט שטארקער געגאסען, ווי פון אונטער דעם פרייען הימעל.

העררי האט זיך ניט ווילענדיג נאכגעשלעפט, כמעט געגאנגען אויף די שפיץ פינגער, זיך געהיט נישט ארויפצוטרעטען אויף די אנגעשוואלענע שלענגלעך, וואס זיינען ארויס פון צופיל רעגען, פונקט ווי די אנגעלאפענע אדערן ביים שכור. און יעדעס מאל ווען די צווייטע ערד איז זיך צולאפען אונטער זיינע פיס מיט א „קליא־קליא“, האט עס איהם דורכגעשוידערט, געמאכט די ציין איילינ, ווי ער וואלט צוקוועטשט א שלענגעל און ער האט דערפיהלט דעם נאך־טעם פון א זומערדיגע ליבע, וואס האט שוין לאנג דערעסען. ער האט געטראכט ווי נאך פטור צו ווערען פון ליזען, זיך נישט געקענט פארשטעלען זי זאל אין אזא הימטיש וועטער זיך ארומשלעפען מיט איהם א גאנצען אבענד.

ביים ארויסגאנג פון פארק האבען זיי זיך אפגעשטעלט, געשטאנען דורכגענומענע מיט א קאלטער פייכטקייט, געקוקט אויף דער נאסער אלעע, וואס האט זיך געשפיגעלט פון דערוויטענס ווי שויבען, אויפ'ן דראבנעם רעגען, וואס האט נישט אויפגעהערט צו שפריצען, דערפיהלט ווי עפעס גרויעס שארט זיך צווישען די בוימער, צעשטערט אלץ און פארלוירענע זיינען זיי געשטאנען אונטער'ן רעגען און נישט געוואוסט וואס צו טאן.

— קאלט — האט ליזא געקלאפט מיט די קליינע, שארפע ציין נישט וויסענדיג וואס צו זאגען.

— דער רעגען וועט אזוי גיך נישט אויפהערען — האט העררי געלאזט פאלען אווארט און אויפגעשטעלט דעם קאלנער פון איבער־ראק.

— כ'וואלט איצט געוואלט זיין — האט ליזע ווי צו זיך גערעדט — אין א ווארימע, זעהר ליכטיגע שטוב, מיט א סך, זעהר א סך מענשען און טרינקען הייסען טהעע, קאכעדיגען, אה—ה! ווייסט נאר וואס — האט זי זיך געטיוליעט צו העררי'ן — לאמיר אריינגעהן אין „פיקטאריום“, מען ציינט היינט זעהר א שעהן בילד!

זי האט נישט געווארט אויף העררי'ס ענטפער, איהם פעסטער גענומען אונטער'ן ארעם און געגאנגען אין „מאווינג־ פיקטשורס“.

מען האט געהאלטען אין מיטען שפילען. עס איז געווען פינסטערלעך. א פארשטיקטער ריח האט א שלאג געטאן אין פנים אריין. א יונגערמאן איז ארומגעגאנגען מיט א גרויסען פולווריזאטאר, אויפגעפרישט די לופט מיט א שמעקעדיג וואסער, וואס האט געקרעלט אין האלז, אין דער נאז און געמאכט ניסען.

העררי האט זיך שוין געוואלט אוועקזעצען, האט ליזע איהם אנגעכאפט פאר א האנד:

— דא שטיקט, קום, מיר וועלען ארויפגעהן אויף דער גאליארקע!

— דארט איז פינסטער—האט העררי זי צוריקגעהאלטען — און מיר שיינט אז אין מיטען דער וואך לאזט מען דארט קיינעם נישט ארויף.

— קאם אן—האט ליזע איהם א ציה געטאן פאר א האנד.

אויף די טרעפען איז זיי אנטקעגען געקומען אן „אשער“, זיך אנטשולדיגט, אז אויבען איז נאר פאר ספעציעלע פארשטעלונגען און זיי געציינט וואו ס'זיינען פאראן לעדיגע פלעצער.

ליזע האט איהם באדאנקט, כלומר'שט געגאנגען מיט העררי'ן פארנעהמען די פלעצער און זיך דורכגע'גנב'עט אויף דער גאליארקע דורך א צווייטען ארויפגאנג. עס איז געווען שטאק פינסטער.

דער קלענסטער סקריפ האט אויף דער לעדיגער גאליארקע אפגעקלונגען העכער. דאס שעפטשען איז געווארען בולט'ער און אפילו דאס אטעמען — שנעלער.

ליזע האט זיך געטיולעט צו העררי'ן, אויפגעוועכט זיינע פינגער, געגלעט איהם די האר, די אויגען־לעפעלעך, איהם געקושט און זעהר געוואלט ער זאל זי ארומנעמען. העררי האט זיך נישט געפיהלט באקוועם פון ליזע'ס קאטשען זיך, געדרעהט מיט'ן קאפ, ווי ער וואלט זיך אפגעיאגט פון א פאר'עקשנ'טער פליג. זי האט עס דערפיהלט, א באליידיגטע איהם אפגעשטופט פון זיך, אנגעשפארט דעם קאפ אן פארענט'ס פון בענקעל און געבליבען זיצען א ברוגז'ע. ער האט נישט געוואוסט וואס צו טאן, געקוקט איבער א מינוט אויפ'ן לייוונט, געזעהען פייערדיגע פינטלאך, ווי קעפלאך פון שפילקעס, ווי שפיצען נאדלען. באלד האט זיך אויפ'ן לייוונט באוויזען אן אנאנס, נאכדעם איז אלץ פארשוואונדען. העררי האט זיך אומגעקוקט, באטראכט די פארלעך, די מאמעס מיט די קינדער און פון דער זייט געווארפען א בליק אויף ליזע'ן. זי איז געזעסען ווי פריהער. דאס פנים איינגעטוליעט אין ביידע הענד, זיך קיין ריהר נישט געטאן, האט איהם נאך מעהר פארדראסען צו וואס זי מאכט שטיק און ער האט זיך איינגאנצען אויסגעדרעהט.

דער עולם פון אונטען איז געזעסען פארטיפט אין לייוונט — א מיידעל מיט צולאזטע האר איז געשלאפען א פארשפארטע אין א צימער. זי האט געשמייכעלט פון שלאף — ס'האט זיך איהר גע'חלומ'ט ווי דער געליבטער גנב'עט זיך אריין דורכ'ן פענסטער. פונקט רעמאלט האבען אלע געזעהן ווי א פארבארגענע האנד האט אריבערגעווארפען א לייטער פון שטריק, זי אנגעטשעפעט אן פענסטער. א יונגערמאן האט גענומען קלעטערען, שטיל אריין צום מיידעל אין צימער, געקוקט אויף איהר א ווילע, איז זי פון זיין קוק אויפגעקומען, ארומגעכאפט איהם מיט ביידע הענד און געבליבען הענגען מיט צושאטענע האר און א לויז נאכט־העמד אין זיינע ארעמס.

העררי האט זיך דערפיהלט פרישער. איהם האט באנג געטאן צו וואס ער האט באליידיגט ליזע'ן און געטראכט אז מען דארף זי איבערבעטען. ער האט זיך א רוק געטאן צו איהר, געוואלט אויפהויבען ביי איהר דעם קאפ, האט זי זיך א ריס געטאן פון זיינע הענד און געבליבען זיצען ווי פריהער.

— ביזט טאקע בייז, ליזע? — האט זיך העררי נעהענטער צוגערוקט און ווידער פרובירט אויפהויבען ביי איהר דעם קאפ.

— כ'האב דיך פיינט! — האט זי אן אנגע'ברוגז'טע א זאג געטאן, איהם אנגעקוקט א ווילע און זיך כלומרשט געוואלט ארויסדרעהען פון זיינע הענד.

העררי האט זי א ציה געטאן צו זיך. זי איז געבליבען ליגען מיט'ן קאפ אויף זיין ברוסט און זיך שטיל צעוויינט.

— זיי נישט קיין קינד, וויין ניט, ליזא, ליזשטשקע! — האט העררי זיך ביי איהר געבעטען און איהר געווישט מיט די הענד און מיט די ליפען די ווארימע טרערען.

זיי האבען שוין מעהר נישט געקוקט אויף די בילדער. דאס פינסטערניש, דאס וואס קיינער זעהט זיי נישט, אלץ האט געווירקט זיי זאלען זיך פארגעסען. שפעט אין אבענד, ווען מען האט שוין געהאלטען ביים פארמאכען דאס פלאץ, זיינען זיי גליקליכע ארויס אויף דער גאס און אפגעמאכט דאס צווייטע מאל ווידער זיך צו טרעפען אין „פיקטאריום“.

צו מארגענס אבענד האט העררי זיך געטראפען מיט א באקאנט מיידעל. ער האט זי אפגעפיהרט אהיים, געשטאנען ביי איהר הויז, פארצויגען א שמועס און אז דער שמועס איז געווארען אינטערעסאנטער, האט דעם מיידעל אפגעגלוסט ארויפצוגעהן. זי האט מארנע אויף איהם געקוקט, געהאלטען אין איין שמייכלען, אפט איהם אנגעריהרט מיט די קישעלאך פון די שפיץ פינגער, אז העררי'ן איז יעדעס מאל דורך א ווארעם פרעסטעל. העררי איז געווען א פארציטערטער, געפיהלט ווי דאס מיידעל פלאטערט ארום איהם, ווי א פויגעל, זיך געשראקען זי זאל יעדע מינוט נישט אוועקפליהען און געשפאצירט מיט איהר פון איין גאס אין דער אנדערער.

ער האט פון דער וויטענס געזעהן דאס שרייענדע ליכט פון „פיקטאריום“ און איהם איז מיט אמאל אויפ'ן זינען געקומען די גאליארקע, ליזע, אז דארט קען מען באקוועם פארברענגען אן אבענד. ער האט זיך געשראקען דאס מיידעל זאל איהם נישט אפזאגען, זיך צוגענעבען קוראזש און העפליך א שמייכעל געטאן צו איהר:

— מען ציינט היינט א וואונדערבאר בילד, אויב איהר ווילט, קומט אריין!

— א, ס'איז צו שפעט! — האט ס'מיידעל געשנירעלט מיט די ליפעלאך.

— ס'נעמט נישט לאנג. אין גאנצען א האלבע שעה — האט ער איהר איינגערעדט, בשעת־מעשה זי אנגענומען פאר'ן ארעם און מיט איהר צוגעגאנגען צו דער קאסע — צוויי טיקעטס, פליעז!

ער האט זיך גענומען גנב'ענען מיט'ן מיידעל אויף דער גאליארקע ארויף, פונקט ווי ליזע האט זיך מיט איהם גע'גנב'עט. זיי זיינען שטיל ארויף, צוגעגאנגען צום ווינקעל וואו העררי איז נעכטען געזעסען. אן איבערגעשראקען פארעל האט זיך אויפגעשטעלט. ביים ערשטען בליק האט העררי נישט דערקענט ווער דאס איז, געזעהן בלויז ווי א מיידעל שלעפט א בחור, חזר'ט עטליכע מאל איבער:

— דער „אשער“ געהט, קום ארונטער!

דאס קול איז העררי'ן געווען באקאנט. א פארלוירענער האט ער געוואלט אויסמיידען ס'פארעל און נישט ווילענדיג זיי אנטקעגען געגאנגען. ס'געווען ליזע.

אין וואגאן

(איכּפּרעסיע)

פון אברהם רייזען.

צוויי נאנען פארמומט,
אין שווארץ אנגעטאן, —
זיי זיינען פארשטומט
אריין אין וואגאן.

פארשלייערטע צוויי
פון קאפ ביז אראפ,
האט יעדע פון זיי
דערמאנט אן א ראב...

א מיידעל א צארטס,
אין ווינקעל פאררוקט,
מיט ציטער אין הארץ
אויף זיי האט געקוקט...

ניי־יאהר געדאנקען

פון אב. באראף.

א „העפי ניו־יער!“

וואו איהר שטעהט, וואו איהר געהט, אין אפים ארער אין שאפ — איבעראל הערט איהר איינע די אנדערע צוווינשענדיג און ווי א מאשינקעלע אויף א ספרונדזשינע רעדט עס ארוים כסדר: „א העפי ניו־יער“.

„העפי ניו־יער“, זאגט דער באס צום יוניאן־מאן און בשעת מעשה קלערט ער: גוואלד ווי ווערט מען פון איהם פטור!

„העפי ניו־יער“! ווינשט דער ארבייטער זיין באס, און מחשבות וויקלען זיך: אך, ווי עס ווילט זיך ארויסרייסען פון דעם שאפ און דעם עקספלואטאר!

„העפי ניו־יער“ ווינשט מען זיך, און די געזיכטער זיינען גלייכגילטיגע, די אויגען תם'עוואטע, די ליפען זאגען עפעס, וואס די הארץ פיהלט ניט, און אין מוח געדאנקען: גוואלד, ווארום קענען די מענשען ניט האנדלען אפענהערציג!

* * *

נייער יאהר. מיט וואס פאר יובעל־געשרייען, מיט וואס פאר א פרייד, מיט וואס פאר משוגה'דיגען פאראד האט מען עס באגעגענט דעם נייעם יאהר...

יונג און אלט, פרוי און מאן, רייך און ארים, אלעס איז ארוים פון די הייזער, פון די לעבער, פון די בייסמענטס אין גאס אריין. דארט האט די מאסע זיך אויסגעמישט אין א ווילדע דעמאנסטראציע, מיט גרוים פרייד באגעגענט דעם נייעם יאהר...

און שמערצליכע געדאנקען דריקען דעם מוח: וואס איז די שמחה מיט זיי?...

* * *

מיט פרייד באגעגענט דער רייכער דעם נייעם יאהר; דאס איז נאטירליך, דאס קען מען זיך ערקלערען, ער האט באגלייט דעם פארגאנגענעם יאהר מיט פרייד, דעם יאהר וואס האט איהם געגעבען פולען גליק פונ'ם לעבען; דעם יאהר וועלכער האט פארגרעסערט זיינע פראפיטען; דעם יאהר, וועלכער האט איהם געהאלפען אנצוזאמלען נאך מעהר אוצרות, און ער, דער רייכער, זייענדיג גליקליך אין דעם גרויסען גענוס פונ'ם לעבען, איז פול מיט גלויבען, אז אויך דער נייער יאהר טראגט פאר איהם גליק און פרייד.

ער, דער רייכער, שטאלץ מיט דעם באוואוסטזיין, אז ער איז איינער פון יענע, וועמעס ווארט הונדערטער און טויזענדער שקלאפען מוזען פאלגען, ער איז זיכער, אז דער נייער יאהר וועט נאך פארגרעסערן זיין מאכט און דארום איז נאטירליך זיין פרייד און דער ווילדער יובעל.

* * *

אבער דער ארימער ארבייטער, דער הונגעריגער שקלאף, וואס איז די שמחה מיט איהם? וואס לויפט ער אין גאס? וואס טומעלט ער? וואס ליארעמט ער, און וואס פרייט ער זיך מיט דער אנקונפט פון דעם נייעם יאהר?!

האט דען דער לעצטער יאהר עטוואס געלינדערט זיין שווערען לעבען? האט דען דער פארגאנגענער יאהר געבראכט פרייד אין זיין היים, גליק־זעליגקייט צו זיינע ליבע?

האט דען דער פארגאנגענער יאהר מיט עטוואס זיך אויסגעצייכענט, וואס בארעכטיגט דעם ארבייטער, דעם שקלאף צו גלויבען, אז דער נייער יאהר טראגט פאר איהם אין זיין שוים פיל גליק און פרייד?!...

ניט מיט ווילדען יובעל, ניט מיט גוואלד געשרייען דארפסטו ארבייטער־קינד באגלייטען דעם אלטען יאהר און באגעגענען דעם נייעם!

א ציעל־באוואוסטער ארבייטער וועט זיך ניט לאזען היגרייסען פון ווילדע יובעל־פרייד געשרייען, וועלכע ווערען אזוי קונציג פאבריצירט פון די רייכע, פון די זאטע, אום צו ציינען, אז מיר אלע זיינען קינדער פון איין גרויסער פאמיליע, אום צו מאכען פארגעסען די גרויסע ארבייטער מאסען דעם גרויסען טיפען אפגרונד, צווישען די רייכע און זאטע, א קלאס וועלכער באדט זיך אין אונבאגרענעצטען לוקסוס, און א צווייטען קלאס פון מיליאנען, וועלכע שאפען, פראצעווען דעם גאנצען לעבען אום צו קענען קוים אויפהאלטען די נשמה אין זיך.

א מיליאנענדיגע מאסע, וועלכע שאפט עשירות פאר אנדערע און אליין, לעבט זי אין ארמוטה און נויט...

א מיליאנענדיגע מאסע, וועלכע בויט טעמפלען פאר די רייכע און זאטע, און אליין וואלגערט זי זיך אין פינסטערע לעבער, אין טענעמענט הייזער, און אנדערע האבען דאס אויך ניט...

ניין, דער ציעל־באוואוסטער ארבייטער וועט זיך ניט אנשליסען אן דעם ווילדען יובעל־געשריי, וועט ניט דעמאנסטרירען אין געמישטע רייהען מיט די זאטע און צופרידענע... ער האט געלערענט, אז נאר אין אן ארגאניזירטער ארבייטער ארמעע ליגט זיין מאכט, אז נאר דורך אייניגקייט און סאלידאריטעט וועט ער קענען מאכען מעגליך, אז יעדער יאהר זאל זיין א פרייד און גליק פאר די וועלכע שאפען, פאר די וועלכע פראדוצירען.

קליין איז די צאהל פון די ארגאניזירטע ציל־באוואוסטע ארבייטער, אבער זייערע רייהען וואקסען פון יאהר צו יאהר, און מיט א רעליגיעזען גלויבען טראגען זיי אין זיך די זריעה פון אחדות, וועלכע זיי פארשפרייטען צווישען די מיליאנענדיגע מאסען...

ער, דער ריזע, וועט ערוואכען... ער, דער ארבייטער, וועט דאך קומען צום באוואוסטזיין און וועט געפינען דעם ריכטיגען וועג, דעם וועג, וועלכער פיהרט צו זיין באפרייאונג.

אפערייטארס יוניאן לאקאל 1

(שלוס פון זייט 8)

שעהן דיריגירט. דאס איז געווען פאר די אינסטאלײשאן.

נאך דער אינסטאלײשאן האט דער ארבייטער רינג כאר געזונגען א רייהע אידישע און ארבייטער פאלקס-לידער. פריינד פאזנער, דער פיהרער פון דעם כאר, האט אונז ווירקליך אנגענעהם איבערראשט מיט די שעהנע הארמאניע, וואס האט געהערשט אין דעם זינגען פון דעם כאר, אזוי גוט ווי די שעהנע געזאנג.

מאראם סטראמבערג, אלס סאלאאיסט, צוזאמען מיט דעם גאנצען כאר, האט באוויזען, אז מיר האבען אין די ארבייטער-רייהען גוטע זינגער און זינגערינס.

מיט איין ווארט, די מעמבערס, צוזאמען מיט די עקזעקוטיוו באארדס, האבען פארבראכט די פאר שטונדען אויף א שעהנעם ארט און האבען געהאט א גייסטיגען פארגעניגען.

אונזער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט.

דעם עקספערימענט, וואס אונזער לאקאל האט געמאכט ערעפענענדיג די קלאב-רומס אין די בראנקס, האט זיך ווירקליך ארויסגעצייגט פאר אן ערפאלג. ניט נאר קומען זיך מעמבערס צוזאמען צו פארברייגגען אן אנגענעהם אווענט, נאר עס איז אויך געווארען דער עדיוקיישאנאל צענטער פון די בראנקס פון אונזער אינטערנעשאנאל.

יעדען פרייטאג און שבת אווענט, ווי אויך זונטאג פריה, ווערען אפגעהאלטען פארשידענע לעקטשורס איבער פארשידענע טעמעס.

דיזען פרייטאג אווענט וועט דער שרייבער פון די שורות רעדען איבער דער טעמע: „וואס פארלאנגען די יוגענד אין אונזער יוניאן?“

שבת, 8 אוהר אווענט, וועט פראפעסאר נ. א. גאלאטצקי רעדען איבער „די ענטוויקלונג פון די סאציאלע און דעמאקראטישע אידעען“.

זונטאג, 10.30 אוהר פריה, וועט מ. לעווין געבען די 5טע לעקטשור פון דער סעריע פון 6 „עקאנאמיע פון היינטיגער געזעלשאפט“.

אינזערע לעקטשורס אין די קלאב-רומס זיינען אימער גוט באזוכט. עס איז אבער אונזער וואונש, אז וואס מעהרער מעמבערס זאלען קומען און געניסען פון די באלערענטע לעקטשורס און דיסקוסיאנען, וואס ווערען רעגולאר אפגעהאלטען יעדע וואך.

ב. ש ע ה ן,
מענעדזשער-סעק. לאקאל 1.

איסט ריווער נעשאנאל באנק

680 בראדוויי, ניו יארק סיטי.

אינטערעסט ווערט געצאהלט יעדען מאנאט אויף ספעשעל אינטערעסט און סייווינג אקאונטס.

קליינע דעפאזיטס ווערען מיט פארגעניגען אנגענומען.

עפענט אייער אקאונט איצט

סייף דעפאזיט באקסעס $5.00 און העכער.

געלט ווערט געשיקט אין אלע טיילען פון דער וועלט.

די באהאנדלונג וואס מיר גיבען אונזערע „אלטע ביזנעס“ איז דער ארגומענט פאר'ן שטענדיגען וואקסען פון אונזער „נייע ביזנעס.“

רעזיינערס פון

פרויען קליידער ווערען א סך פארלאנגט

א גוטע פראפעסיע פאר מענער און פרויען!

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באלדיגע פאזישאן און א גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקוהל און נארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען
נייע סיסטעמען
בעסטע מעטאדען
בעסטע רעזולטאטען

פריוואט אונטערריכט. טאג און אווענט קלאסען. גוטע באדינגונגען. שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפארמאציע.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקול.

אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג

MITCHELL DESIGNING SCHOOL
NEW YORK
15 WEST 37th STREET,
Phone: Fitz Roy 1674
Boston Branch: 10 Hayward Place

דער
ארבייטער רינג

איז דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $1,500,000
מיטגלידער — 82,000
בראנטשעס — 645

דער ארבייטער רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארב. רינג שטיצט זיך דאן אויפבויען עקאנאמיש און פאליטישען קאמף.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגליעדער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליעד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפט ווענדעט זיך צו:

THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

סקוירט און דרעססמאכער
יוניאן לאקאל 23
אויפמערקזאם!

רעגעלע סעקשאן מיטינגען

וועלען אפגעהאלטען ווערען

דאנערשטאג, דעם 11טען יאנואר, 1923

דאון טאון — אין פארווערטס בילדינג.
בראנקס — לאנדאן קאסינא.

זעהר וויכטיגע פראגען וועלען זיין צו פארהאנדלען. עס איז די פליכט פון די מיטגלידער צו באזוכען דיזע מיטינגען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23
ה. וואנדער, מענעדזשער.

צו אלע
קלאוק און סקוירטמאכער
פון באסטאן

די קלאוק און סקוירט מאכער יוניאן האט גענומען א 3-פלאר בילדינג אין 15-17 עסעקס סטריט, באסטאן.

ביי דיזער געלעגענהייט וועלען מיר פייערען דעם 15-יעהריגען יובילעאום פון דעם עקזיסטענץ פון דער באסטאנער קלאוקמאכער יוניאן; און וויסענדיג דאס אחוץ די קלאוקמאכער, וועלכע באלאנגען צו אונז אין דעם איצטיגען מאמענט, געפינען זיך קלאוקמאכער, וואס האבען געטראגען „ציגעל“ צו דער יעצטיגער קלאוקמאכער יוניאן מיט 15 יאהר צוריק, און וועלכע זיינען אפגעשטאנען בלויז דערפאר, ווייל זיי האבען געטרייעט זייער מזל אין ביזנעס פאר זיך.

האבען מיר באשלאסען אריינצונעמען אלע אפערייטארס, פינישערס, קאטערס און פרעסערס פאר 15 דאלאר אינישיאיישאן פיה, ביז דעם 15טען יאנואר, 1923.

אפליקיישאנס פאר מעמבערשיפ קאנען אויסגעמאכט ווערען יעצט אין אפיס פון דער דזשאינט באארד, 15-17 עסעקס סטריט, וואו א קאמיטע פון דער דזשוינט באארד, באשטעהענד פון איינעם פון יעדען לאקאל, וועט מיטען יעדען מיטוואך אווענט אין אונזער אפיס.

האפענטליך, דאס איהר וועט אויסנוצען די געלעגענהייט, וואס מיר גיבען אייך און ווערען מיטגלידער פון דער יוניאן, פארבלייבען מיר,

מיט טרייד-יוניאן גרוס,

דזשאינט באארד קלאוק און סקוירט מאכער יוניאן
א. צאדיקער, ביזנעס-מענעדזשער.

וואר סייווינגס סטעמפס האבען געלערנט מענשען צו שפארען

אין די ערשטע פינף יאהר האבען די [illegible] [illegible] [illegible] ... [illegible]

„[illegible] [illegible] האבען [illegible] ... [illegible] „שפארען", האט

געזאגט מר. ראַבאַט, „האבען אין די [illegible] 1918 זיך אפגע[illegible] אין די נאמען און זיך צוגעהערט צו די אפיעלס פון פאטריאטישע פאלקס-[illegible], אדער א באריהמטע אקטריסע אדער א פאפולערע [illegible], פאר געלט צו העלפען „מאכען די וועלט זיכער פאר דעמאקראטיע" און האבען געקויפט זייערע ערשטע וואר סעיווינג סטעמפס. זיי האבען עס געטאן צוליב פאטריאטיזם און האבען דערמאלט וועניג זיך גארנישט געטראכט אין אזוי ארום איז שפארען געווארען א געוואוינהייט.

„אנקעל סעם האט בעאבאכטעט ווי דאס פאלק קויפט די דאזיגע סטעמפס מיט גרויס צופרידענהייט, און יעצט אז עס איז געווארען פעליג האט זי דאס פובליקום צו אינוועסטען אין טרעזשורי סייווינג סערטיפיקייטס".

דער דירעקטאר האט ערקלערט, אז דיזער עקסטענשאן קאן געמאכט ווערען אין שווערינקייטען אדער אפהאלט אין'ם פאסט אפיס אדער באנק אדער אין די דריי אפיסעס פון די פעדעראל רעזערוו באנק אין 37 מיידען ליין, 125טע סט. און 8טע עוועניו און 23טע סטריט און 4טע עוועניו.

„ווען איינער האט 100 דאלאר אין וואר" סעיווינג סטעמפס קאן ער באקומען 100 דאלאר ווערטה סערטיפיקייטס און 18 דאלאר אין קעש. דער סערטיפיקייט קאסט נאר 82 דאלער און וועט אין פינף יאהר ארום זיין ווערטה 100 דאלאר. אט דאס צייגט אייך ווי אינטערעסט אויף אינטערעסט וואקסט. מאכט אייער אינוועסטמענט וואקסען.

טרעזשורי סעווינג סערטיפיקייטס ווערען ארויסגעגעבען אין סומען פון 25 דאלאר, 100 דאלאר און 1000 דאלאר, און די פרייזען זיינען $20.50, $82 און $820. זיי זיינען פעליג אין פינף יאהר און צאהלען אינטערעסט אומגעפער וואס ווערט צוגיזגערעכענט יעדען האלב יאהר ווען מ'האלט עס ביז עס ווערט פעליג. זיי זיינען גאראנטירט אז זיי וועלען ניט פאלען אין ווערטה און ווערען רעדזשיסטרירט אין'ם אייגענטימער'ס נאמען אין וואשינגטאן צו שיצען זיי געגען אירגענד וועלכען פארלוסט.

אויב מען וויל קאן מען באקומען קעש פאר די סטעמפס נאכ'ן ערשטען יאנואר. אבער עס איז כדאי אז איהר זאלט וויי-טער סעיווען.

וו. ס. ס. מיינט היינט ניט נאר וואר סעיווינג סטעמפס — נאר ווארום סטאפען סעיווען.

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לעאנארד פרעס
42 איסט 23טע סט., ניו יארק

א. ראפאלאווסקי
איינבינדער.
136 Henry St., New York, N. Y.
שבת געשלאסען.

היינט דער חנוכת הבית פון א נייעם סטייט באנק בּרענטש אין ברוקלין

צום נייעם יאהר עפענט היינט די אלטע סטייט באנק א נייעם ברענטש אין ברוקלין, קארנער בלעיק און וואן סיקלען עוו., איסט ניו יארק.

די סטייט באנק אלס א פינאנס אינסטיטושאן פאר די אידען פון גרעיטער ניו יארק, קומט אלע מאל נעהנטער און נעהנטער צו די אידען פון אלע טהיילען פון שטאדט.

היינט — לאדען מיר די אידען פון איסט ניו יארק צום חנוכת הבית פון א פראכטפאלע באנק וואס מיר האבען אויסגעבויט אלס סטייט באנק ברענטש ספעציעל פאר די ביזנעס לייט און ארבייטער פון איסט ניו-יארק.

די סטייט באנק לאדעט יעדען פון יענער נאכבארשאפט צו ווערען א דעפאזיטאר אין דיזען אייזען-שטארקען פינאנס אינסטיטושאן. מיר לאדען יונג און אלט, גרויס און קליין, ארים און רייך, און מיר זיינען אימער בארייט אייך צו דינען מיט אלעס, וואס א וויכטיגער ראיעלער פינאנס אינסטיטושאן קען דינען צו זיינע דעפאזיטארס.

דא זיינען איינינע פון די אורזאכען ווארום איהר דארפט זיין א דעפאזיטאר אין

די סטייט באנק

ערשטענס — די סטייט באנק איז די עלטסטע און גרעסטע אידישע בייננקינג אינסטיטושאן אין דיזער שטאדט, וואס איז די גרעסטע אין דער וועלט.

צווייטענס — די סטייט באנק איז א מעמבער פון די ניו יארק קלירינג הויז אסאסיאיישאן.

דריטענס — די סטייט באנק ריסארסעס באטרעפען איבער

$96,000,000.00

פירטענס — די סטייט באנק האט ברענטשעס אין יעדען וויכטיגען אידישען קאמערציאלען און רעזידענץ דיסטריקט. איהר דארפט ניט פארלירען קיין צייט ווען איהר ווילט טאן אייער ביינקינג ביזנעס מיט דיזען גרויסען אינסטיטושאן.

פינפטענס — די סטייט באנק האט אלע מעגליכקייטען פאר'ן ביזנעס מאן און פאר'ן ארבייטער. גרויסע אדער קליינע דעפאזיטארס ווערען באהאנדעלט מיט דער זעלבער העפליכקייט.

זעקסטענס — די סטייט באנק האט ביזנעס פארבינדונגען מיט יעדע גרויסע שטאדט אין דער וועלט. אויב איהר זיינט אן אימפארטער, אן עקספארטער, אדער איהר ווילט שיקען געלד צו אייערע קרובים אין אייראפא, וועט איהר עס דורך אונז אם בעסטען קענען דורכפירען.

די סטייט באנק ערזוכט אייערע ביזנעס אקאונטס.

די סטייט באנק ערזוכט אייערע אינטערעסט אקאונטס.

די סטייט באנק ערזוכט אייער ביזנעס אין איהר אויסלענדישען דעפארטמענט — און מיר פארזיכערן אלעמען גלייך —

עהרליכע, ראיעלע און העפליכע באהאנדלונג.

געלד וואס וועט דעפאנירט ווערען אם אדער בעפאר דעם 31טען יאנואר וועט קריגען אינטערעסט פון 1טען יאנואר.

THE STATE BANK

East N. Y. Branch: Blake & Van Sicklen Aves., Brooklyn

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)
אין מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט פארלאזן.

גערעכטיגקייט

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

PRICE 3 CENTS

Vol. V. No. 2. New York, Friday, January 12, 1923. פרייטאג, 12טען יאנואר, 1923.

פרעזידענט שלעזינגער קראנק אין בעט

פרעזידענט שלעזינגער איז לעצטען שבת אווענט, נאך דעם אינסטאלײשאן־מיטינג פון דזשאינט באארד פלוצלונג קראנק געווארען.

שוין אויף דעם מיטינג, ווען ער האט געהאלטען די אינסטאלײשאן רעדע, האט מען געקאנט זעהן, אז ער איז קראנק. ער האט אויסגעזעהן שלעכט און האט גערעדט מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג. ער האט זיך אבער ניט געוואלט אונטערגעבען און האט זיך שבת ביז שפעט ביינאכט געהאלטען אויף די פיס.

זונטאג אין דער פריה האט ער זיך אבער מעהר ניט געקאנט אויפהויבען. ווען דער דאקטאר איז געקומען האט ער איהם שטרענג פארבאטען ארויסצוגעהן פון בעט. ער ליידט פון א שווערער פארקיהלונג און ער טאר ניט ארויסגעהן פון הויז צו פארמיידען לונגען־ענטציגדונג.

פרעזידענט שלעזינגער'ס פלוצליכע קראנקהייט איז א גרויסער שטער פאר דעם דריטען פערטעל־יעהרליכען מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וואס ווערט די וואך אפגעהאלטען אין מאנטרעאל, קענעדע. שלעזינגער האט געוואלט זונטאג אין דער פריה אפפאהרען אין מאנטרעאל, ער האט עס אבער ניט געקאנט טאן און א טעלעגראמע איז געשיקט געווארען אין מאנטרעאל דאס ער קאן ניט קומען. דער מיטינג האט זיך, אלזא, געמוזט עפענען אהן אים.

דער דזשענעראל עקז. באארד האט געענטפערט דורך א טעלעגראמע, אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט גרויס באדויערען, וואס ער קאן ניט זיין ביים אנפאנג פון אזא וויכטיגען מיטינג און עס ווערט אויסגעדריקט די האפנונג, אז ער וועט באלד געזונט ווערען, און אז ער וועט נאך אפשר קאנען זיין ביים ענדע פון דעם מיטינג.

מיר האפען, אז פרעזידענט שלעזינגער וועט באלד געזונט ווערען און ווייטער פארזעצען זיין טעטיגקייט פאר דער יוניאן.

קלאוק דזשאינט באארד אינסטאלירט

די אלטע בעאמטע ווידער ערוועהלט כמעט איינשטימיג. — אינטערעסאנטע און קאמפליסטיגע רעדעס פון פרעזידענט שלעזינגער, סעקרעטאר באראף און דזשענ. מענ. י. פיינבערג.

לעצטען שבת האט דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן געהאט צוויי זיצונגען, איין זיצונג נאך מיטאג, אויף וועלכען דער אלטער דזשאינט באארד האט פארענדיגט זיין ארבייט פון דעם לעצטען יאהר, און א צווייטער זיצונג אין אווענט, אויף וועלכען דער נייער דזשאינט באארד איז אינסטאלירט געווארען און עס זיינען ערוועהלט געווארען די בעאמטע און די סטענדינג קאמיטעס פאר דעם יאהר 1923. ביידע זיצונגען זיינען געהאלטען געווארען אין אידיטאריום פון אונזער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סט.

די צווייטע, די אינסטאלײשאן־זיצונג איז געווען א פייערליכע, האט געטראגען א יום טוב'דיגען כאראקטער. עס זיינען אנוועזענד געווען א סך געסט, עקזעקוטיוו באארד מעמבערס און אזוי טעטיגע מיטגלידער פון די לאקאלס.

דער טשערמאן פון אלטען דזשאינט באארד, ברודער לואיס פינקאווסקי, האט געעפענט די פארזאמלונג, און געהאלטען א קורצע רעדע, באדאנקענדיג דעם ארויסגעהענדען דזשאינט באארד פאר'ן צוטרויען און די מיט־הילף וואס ער האט באקומען אין דעם לעצטען טערמין. ער האט דאן איבערגעגעבען די טשער צו אב. באראף, סעקרעטער־טרעזשורער פון אונזער אינטערנעשאנאל, צו אינסטאלירען דעם נייעם דזשאינט באארד און מאכען נאמינײשאנס און וואהלען פאר די בעאמטע פאר דעם נייען טערמין.

סעקרעטאר באראף האט ביי דער געלעגענהייט געהאלטען א אינדרוקספולע רעדע. ער האט אפעלירט צום נייעם דזשאינט באארד, ער זאל ניט פארגעהסען די צייט מיט זייטיגע אישוס, מיט אומנייטיגע שטרייטען צווישען „רעכטע" און „לינקע". אין בעסטען פאל — זאגט ער, — איז עס א רוהיגע פאר דער יוניאן. ער ווייזט אן, דאס די דעלעגאטען ווערען געשיקט פון די לאקאלס צום דזשאינט באארד צו טאן א גאנץ באשטימטע ארבייט, זיך אפצוגעבען מיט טרייד־פראגען און אויפצופאסען אויף דער גאנצקייט פון דער יוניאן, און — זאגט ער — נאר מיט דעם דארף דער דזשאינט באארד זיך פארנעמען.

זיין רעדע האט געמאכט א גוטען איינדרוק און איז אויפגענומען געווארען מיט אפלאדיסמענטען.

עס ווערט דאן געמאכט נאמינײשאנס

(שלוס אויף זייט 15)

קלאוקמאכער יוניאן נעהמט א שטארקע שטעלונג אין א רעארגאניזײשאן קיים

פרעזידענט שלעזינגער שיקט א שארפען בריף צו די פראטעקטיוו אסס'ן. — דער סכסוך שוין געסעטעלט.

ביים ענד פון לעצטע וואך איז געקומען צו א נייעם צוזאמענשטויס צווישען דער פראטעקטיוו אסס'ן און די קלאוקמאכער יוניאן, צוליב א וויכטיגער רעארגאניזײשאן קייס, וועלכע האט געפיהרט צו א בריף־וועקסעל צווישען מאקס לאכמאן, פון דער פראטעקטיוו אסס'ן און פרעזידענט שלעזינגער. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען א פרינציפיעלער פראגע, און דער סכסוך האט ארויסגערופען א סך אויפמערקזאמקייט אין דער פרעסע.

דער סכסוך איז ענטשטאנען איבער א „רעארגאניזײשאן" ביי דער פירמע סעמיועל קאהן, א מיטגליד פון די פראטעקטיוו אסס'ן.

ווי דער שטייגער איז מיט „רעארגאניזײשאן קייסעס", האט די יוניאן פארלאנגט אויסצוגעפינען און פעסטצושטעלען אויב די רעארגאניזײשאן אין דעם שאפ איז געמאכט געווארען אין „גוד פעיט", לויט די פארשריפטען פון דעם קאלעקטיוו אגרימענט. די קייס איז אויפגענומען געווארען פון דעם „טרייעל באארד", מיט דזשאדזש ערגאר רוש. לאווער אלס „אומפארטײאישער" טשערמאן, און די ענטשיידונג איז געווען, דאס די „רעארגאניזײשאן" איז געמאכט געווארען אין „גוד פעיט". די ענטשיידונג איז אלזא געווען דאס דער מאנופעקטשורער האט, אונטער די אומשטענדען, דאס רעכט צו פארקלענערען דעם סטעף ארבייטער אין דער פעקטארי.

דאן קומט די פראגע, וועלכע ארבייטער זאלען בלייבען ארבייטען און וועלכע זאלען פארלאזען דעם שאפ. כדי א מאנופעקטשורער זאל אין אזא פאל ניט קאנען דיסקרימינירען געגען ארבייטער, פון וועלכע ער וויל פטור ווערען פון שאפ, ווערט אזא געשעהעניש קאנטראלירט פון די יוניאן צוזאמען מיט דער אסס'ן. אין

(שלוס אויף זייט 4)

רעזולטאט פון וויסטמאכער רעפערענדום פאר'ן דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד

נעקסטען דאנערשטאג א פארזאמלונג פון די שווארצע ארבייטער אין טרייד.

דער רעזולטאט פון דער רעפערענדום אפשטימונג ביי די וויסט און דרעסמאכער איבער דער פראגע פון וואך־ארבייט איז נאך דערווייל אפיציעל ניט באקאנט געמאכט געווארען צוליב דער פאלגענדער אורזאכע:

מאנטאג אין דער פריה, דעם 8טען יאנואר, האט זיך אנגעפאנגען דער דריטער פערטעל־יעהרליכער מיטינג פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל, אין מאנטרעאל, קענעדע, און די קאמיטע פון דזשאינט באארד פון דער וויסט און דרעסמאכער יוניאן, וואס האט געהאט אויפזיכט איבער'ן רעפערענדום, האט באשלאסען, אז דער רעזולטאט פון דער אפשטימונג זאל פריהער פארגעלייגט ווערען פאר'ן מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, איידער עס וועט אפיציעל באקאנט געמאכט ווערען אין דער פרעסע. און אין איינקלאנג מיט דעם באשלוס האט דער וויסט און דרעס דזשאינט באארד געשיקט אין מאנטרעאל א ספעציעלע קאמיטע, באשטעהענד פון די ברידער האכמאן, שעהנהאלץ, אנטאניני, בערלין און פריזאמט, אויפצוגעהמען מיט'ן דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד די פראגע, וואס עס איז ווייטער צו טאן אין דער אנגעלעגענהייט.

אלזא, דעם רעזולטאט פון דער רעפערענדום אפשטימונג, און אויך די רעקאמענדײשאנס פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועלען מיר באקאנט מאכען אין נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט".

דער וויסט און דרעס דזשאינט באארד געהט דערווייל אן מיט'ן ארגאניזאציאנס־קאמפיין אין דער אינדוסטריע. אלע פארבארײטונגען ווערען געמאכט צו זיין גרייט מיט דער ארמיי, ווען עס וועלען זיך באלד דארפען אנפאנגען אונטער־ האנדלונגען מיט די באלעבאטים צו באנייען דעם אגרימענט אין טרייד.

כדי בעסער אנצופיהרען דעם קאמפיין האט די יוניאן געעפענט ספעציעלע העדקווארטערס אין לייבאר טעמפעל, 14טע סט. און 2טע עוועניו, און עס זיינען אויך

(שלוס אויף זייט 16)

גענאסע וולאדימיר מעדעם טויט

ווי א דונער וועט אט די טרויעריגע נייעס טרעפען די אידישע ארבייטער איבער דער גאנצער וועלט. דורכ'ן פריהצייטיגען טויט פון דעם באליבטען גענאסע און פריינד מעדעם, האבען מיר פארלארען ניט נאר א מוטיגען קעמפער פאר דער ארבייטער זאך, נאר אויך א ליבליכען חבר, א ווארימע נשמה און א ליכטיגע פערזענליכקייט, וואס האט געשינט און געלויכטען וואו ער איז געקומען.

גענאסע מעדעם איז געווען ניט גלאט אן ארבייטער קעמפער אדער א פיהרער פון אידישע מאסען. ער איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע פיהרער פון די אידישע ארבייטער אין פוילען און רוסלאנד און איז געווען דער באגרינדער און טעארעטיקער פון דער נאציאנאלער פראגראם פון „בונד". ער איז באטראכט געווארען אלס דער גייסטיגער פאטער פון די צעהנדליגער טויזענטער אידישע ארבייטער און זיין טויט וועט פאראורזאכען א טיפע וואונד אין דער גאנצער ארבייטער באוועגונג.

גענאסע מעדעם האט געהאט זייערע גרויסע פארדינסטען ניט בלויז אלס מוטיגער ארבייטער קעמפער, ניט בלויז אלס מארטירער פון דעם גרויסען קלאסען־קאמף, פאר וועלכען ער האט אפגעגעבען פילע יאהרען פון זיין לעבען אין די רוסישע טורמעס, נאר ער האט אויך געהאט גרויסע פארדינסטען אלס ווארימער מענש און אלס איבערגעגעבענער טוער אויפ'ן געביט פון אידישער קולטור און קינדער ערציהונג. ער איז געווען דער גרינדער פון די קינדער שולען אין ווארשא און האט אפגעגעבען א גרויסע טייל פון זיין טעטיגקייט פאר דעם ערפאלג פון די שולען.

גענאסע מעדעם איז ערנסט קראנק געווען פאר די לעצטע זעקס וואכען. ער האט זיין קראנקהייט צו פארדאנקען די צרות און ליידען וואס ער איז אויסגעשטאנען אין די פארשיידענע טורמעס און דאס האט פארקירצט זיין לעבען. ער איז געשטארבען אין דער עלטער פון 42 יאהר. דער סוף איז געקומען דינסטאג נאכמיטאג, 10 מינוט נאך 4, דעם 9טען יאנואר, 1923. ער איז באהאנדעלט געווארען פון די גרעסטע פראפעסארען, וועלכע האבען געמאכט פיל אנשטרענגונגען צו ראטעווען זיין לעבען. עס האט אבער ניט געהאלפען.

עהרע זיין ליכטיגען אנדענקען!

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 2.

זייט 2. די וואך — נ. ש.
זייט 3. מעדיצינישע הילף פאר די אינטערנעשאנאל מיטגלידער און זייערע פאמיליען — דר. דזשארדזש מ. פרייס. אלערליי פון שיקאגא — חיים אברהם רוד'ס.
זייט 4. דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער. וועכענטליכער קאלענדער פון אינטערנעשאנאל קלאסען און לעקטשורס.
זייט 5. ראוז מינאוויץ — ל. היימאן. מיטינג פון עקז. באארד לאקאל 22 — י. שעהנהאלץ.
זייט 6 און 7. די וועלט אין וועלכער מיר לעבען — ק. קאפעק.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. צו דער גאמבערס און בעקער דעבאטע — ש. יאנאווסקי. שפעט נאכט שעה'ן (געדיכט) — יאקאבום.
זייט 10. דאס אפיציעלע „אידענטום" פאנגט אן צו שמאלצירען מיט'ן אידישען בעל מלאכה — ב. מיימאן. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע — ל. פינקעלשטיין.
זייט 12. ווי צו זיין געזונט — דר. ב. דובאווסקי. קורצע שמועסען. דאס גרויסע איינרעדעניש (פעליעטאן) — דער לעבעדיגער.
זייט 13. קורצע שמועסען, פארשיידענעס.
זייט 14 און 15. אדווערטייזמענטס.
זייט 16. שלוס פון זייט 1. אדווערטייזמענטס.

קלאוקמאכער יוניאן פארלאנגט צו אונטערזוכען פארדינסטען פון די ארבייטער

(שלוס פון זייט 1)

געזאגט צו זאגען, ער האט אנגעווי־זען, דאס דער אגריטענט שרייבט אויס־כען דער קאמיסיע ניט פאר, און דאס די קאמיסיע זאל האבען גענוג ארבייט אין דעם. מר. באסעט, הפנים מיט דער צוזאמענזיצונג פון דער אסאסיאיישאן, איז אבער דורא באשטאנען אויף זיינס און די קאמיסיע האט אפילו ניט גע־האנט אנפאנגען די ארבייט. דאס האט געפירט צו דעם, וואס דער אומפאר־טייאישער טשערמאן פון דער קאמיסיע, נארמאן האפגוד, האט רעזיגנירט, דער־ביי טארענדיג דעם פארשטעהער פון דער אסאסיאיישאן פאר ניט וואלען אנגעהן מיט דער ארבייט.

אלזא, מר. באסעט האט געשיקט א בריף צו פרעזידענט שלעזינגער, מען זאל זיך נעמען „זוכען" א נייעם אומ־פארטייאישען טשערמאן פאר דער קאמיסיע און מען זאל זיך נעמען צו דער ארבייט.

אבער צו וואס וועט עס פיהרען? אויב מר. באסעט וועט ווייטער האנדלען ווי ביז יעצט, וועט די קאמיסיע זיך ניט קאנען רוהרען פון ארט. און דאס מאכט פרעזידענט שלעזינגער קלאר אין דעם בריף צו דער פראטעקטיוו אסא־סיאיישאן, וואס מיר דרוקען דא. אין דעם בריף ערקלערט ער אויך, ווארום ער שרייבט דעם בריף צו דער אסא־סיאיישאן און ניט צו איהר פארשטע־הער אין דער קאמיסיע, מר. באסעט.

דער בריף לויטעט זיך ווי פאלגט:

ניו יארק, יאנואר, 2, 1923.

מר. מאקס לאכמאן,
וויס-פרעז. קלאוק, סוט און
סקוירט מאנופעקטשורער פרא־
טעקטיוו אסאסיאיישאן,
285 5טע עוו., ניו יארק, נ. י.

ווערטער העררן:

איך האב ערהאלטען א בריף פון מר. באסעט'ן, אייער מיטגלידער פון דער „ווייזדוש באארד", אין וועלכען ער לאזט מיר וויסען, אז די וועים און מינס קאמי־טע פון דער אסאסיאיישאן האט איהם באאויפטראגט זיך באלד צו שטעלען אין פארבינדונג מיט מיר פאר דעם צוועק, אויסצוקלייבען א נייעם אומפארטייאי־שען טשערמאן אויף דעם פלאץ פון מר. נארמאן האפגוד, וועלכער האט רעזיג־נירט.

איך שרייב מיין ענטפער צו אייך און ניט צו מר. באסעט'ן, ווייל איך גלויב, אז אלעס וואס מר. באסעט האט גע־טאן צו שטערען דער אונטערזוכונג פון דער „ווייזדוש באארד", האט ער עס גע־טאן מיט אייער צושטימונג, און ווארום ריידען צו אייך דורך א צווייטער פער־זאן?

אזוי שנעל ווי דער אגרימענט צווי־שען אונזערע ביידענס ארגאניזאציאנען איז געשלאסען געווארען, האט אונזער יוניאן ניט פארלארען קיין צייט און האט מיר באלד אפאינטעט אלס איהר מעמ־בער אויף דער „ווייזדוש באארד". ווען איהר האט מיר געלאזט וויסען, אז אייער אסאסיאיישאן האט אפאינטעט מר. באס־סעט'ן, האב איך באלד געהאט א מי־טינג מיט איהם. מר. באססעט האט אויף יענעם מיטינג נאמינירט מר. נארמאן האפגוד אלס אומפארטייאישער טשערמאן און איך האב די נאמינאציאן אינדאר־סירט. ווען איך בין מיט א פאר וואכען שפעטער אוועקגעפאהרען קיין אייראפא אויף פיר וואכען, האב איך אראנזשירט, אז מר. איזראעל פיינבערג, דער דזשענע־ראל מענעדזשער פון דער ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאן, זאל פארנעמען מיין פלאץ ביז איך וועל צוריקקומען. איך האב עס אלעס געטאן אז די „ווייזדוש־באארד" זאל זיך באלד קענען נעמען צו דער אונטערזוכונג, אזוי ווי אונזער אג־רימענט שרייבט פאר.

אייער מר. באססעט האט אבער גע־האנדעלט גאנץ אנדערש. אנשטאט זיך צו נעמען צו דער אונטערזוכונג, האט ער זיך גענומען צו מאכען שטערונגען. גלייך ביי דעם ערשטען מיטינג האט ער אנ־געפאנגען צו מאכען „אויסטייטשונגען" צו אונזער אגרימענט, און אזוי האט ער געהאלטען אין איין טייטשען און טיי־טשען, ביז עס איז פארלאפען פינף מא־נאטען. יעדעס מאל וואס מען האט איהם דערמאנט, אז ער איז ניט אפאינטעט גע־ווארען צו מאכען טייטשונגען, נאר צו העלפען מאכען די אונטערזוכונג, וועלכע דער אגרימענט שרייבט פאר, האט ער גע־האלטען א „לעקטשור" וועגען זיין גרוי־סער געלערנטקייט און טיפע קענטניסע אלס עפישענסי איגזשעניר. דיזע האנד־לונג זיינע האט אונז אלעמען דיסגאס־טעד און מר. נארמאן האפגוד האט גע־לאזט וויסען באססעט'ן, אז אויב ער וועט ניט פטאפען מאכען זיינע שטערונגען, וועט ער זיין געצוואונגען צו רעזיגנירען אלס אימפארטייאישער טשערמאן.

דאס זיינען די פאקטען אין דער אנ־געלעגענהייט, און איך האף, אז איהר פארשטעהט, אז אינטער אזעלכע אומ־שטענדען וואלט געוועזען ארויסגעווארפען די צייט פאר מיר ווידער זיך צוזאמענ־קומען מיט מר. באססעט'ן.

איך וויל אייך זאגען פאלגענדעס: אונזער יוניאן באשטעהט, אז עס זאל גע־מאכט ווערען די אונטערזוכונג, וועלכע אונזער אגרימענט שרייבט פאר; אבער אום עס זאל מעהר פון אייער מעמבער אויף דער „באארד" ניט געמאכט ווערען קיין שטערונגען, בין איך געצוואונגען איצט צו פארלאנגען פון אייך, אז אייער אסאסיאיישאן זאל באלד מאכען אן אונ־צווייידייטיגע ערקלערונג, אז די ארבייט פון דער „באארד" איז באגרעניצט בלויז צו אונטערזוכען די פארדינסטען פון די ארבייטער און די ארבייטס פעריאדען אין דער קלאוק אינדוסטריע, אזוי ווי עס איז אויסדריקליך געשריבען אין אונ־זער אגרימענט. און אז די „ווייזדוש באארד" האט קיין שום שייכות ניט מיט פראדאקשאן, מיט דער ארבייטס סיסטעם אדער מיט אירגענד וועלכער אנדער פרא־גע.

ווען אזא סטייטמענט וועט פון אייער אסאסיאיישאן געמאכט ווערען, וועט, נאך מיין מיינונג, זיין מעגליך צו באוועגען מר. האפגוד'ן, אז ער זאל צוריקציהען זיין רעזיגנאציע און זאל פארבלייבען דער אומפארטייאישער טשערמאן פון דער „באארד". און בלויז דאן, ווען מר. האפ־גוד וועט ניט נעמען אין אנבאטראכט אייער סטייטמענט און וועט באשטעהן אויף זיין רעזיגנאציאן, וועל איך אויפנעמען די פראגע פון א נייעם אומפארטייאישען טשערמאן.

איך האף, אז איהר וועט אזא סטייט־מענט באלד מאכען, ווייל אונזער יוניאן ערווארטעט, אז די אונטערזוכונג זאל זיך אנפאנגען ניט שפעטער ווי אין צוויי וואכען פון דיזען דאטום.

ערגעבענסט אייער,
בענדזשאמין שלעזינגער,
פרעז. אינט. לידיס גאר. וו. יוניאן.

קויפט אויסשליסליך
קאלאמביא טהעע
צוזעטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

גרויסע עקאנאמיע פאר רעזייגינג און קאטינג.
עמבראידערי רעזייגינג.
פראפ. א. ד'לעסיא
44 וו. 34טע סט.
322 לענאקס עוועג.
(126טע סט.)
קורסען פאר יונגע פרויען.
פעטערן מייקינג.
סלעטשינג.
$5.00 מעטערן־בוך

די קלאוקמאכער אין באלטימאר באפעסטיגען זייער יוניאן

פריינד הערמאן בערנשטיין שרייבט אונז פון באלטימאר ווי פאלגט:

„עס איז בלויז א פאר וואכען זינד די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל האט באשלאסען צו העלפען די באלטימארער קלאוק־מייקערס ארגאניזירען דעם טרייד א הונדערט פראצענט, און שוין מערקען זיך גאנץ גוטע רעזולטאטען. פילע נייע מעמבערס האבען זיך אנגעשלאסען אן דער יוניאן. א פאר ניט־יוניאן שעפער, וועלכע שפילען א גאנץ באדייטענדע ראליע אין טרייד זיינען געקומען צו שאפ מיטינגס זאגאר ניט גערופענער־הייט, און האבען זיך גרייך אנגעשלא־סען אן דער ארגאניזאציע.

„ביז מיט א פאר יאהר צוריק איז אין באלטימאר געווען א גאנץ שטארקע קלאוק מייקערס יוניאן און די ארבייטער האבען דורך זייער ארגאניזאציאן פיל פארבעסערט זייערע קאנדיציאנען. איינ־געפיהרט וואך ארבייט, קירצערע שטונ־דען, אנשטענדיגע באהאנדלונגען, און גרעסערע פארדינסטען. אבער לעצטענס איבער די שלעכטע אומשטענדען פון טרייד אין אלגעמיין און אין דער שטאט ספעציעל איז די יוניאן אפגעשוואכט געווארען. די מאנופעקטשורערס האבען דיזע געלעגענהייט אויסגענוצט, אריינ־גענומען פרויען אין טרייד און געטרייעט מאכען א „דזשעלאסי" צווישען איין טייל ארבייטער און די צווייטע און איי־ניגע מאסען איז דאס זיי געלונגען פאר א שטיקעל צייט. אבער מיט דעם יעצ־טיגען ארגאניזיישאן דרייוו ווערט דיזער פאנאנדערטיילען פון פרויען ארבייטער און מענער ארבייטער פארשוואונדען. אלע פיהלען, דאס אהן א יוניאן זיינען זיי גלייכע שקלאפען. און נאר דורך איינינקייט קאנען זיי פארטיידיגען זייע־רע אינטערעסען. די יוניאן האט קיין מאל ניט דאגעגען, וואס פרויען ארביי־טען אין טרייד, אבער זיי מוזען קריגען דיזעלבע קאנדישאנס. און ווי אויבען געזאגט, די אינטערנעשאנאל האט בא־שלאסען, דאס באלטימאר מוז ארגאני־זירט ווערען און דאס די ארבייטער זא־לען קריגען דיזעלבע קאנדישאנס, וואס די ארגאניזירטע ארבייטער קריגען אין אנדערע שטעט. אונזערע באלטימארער קלאוק־מייקערס האבען אויפגענומען די־זע נייעס מיט פרייד און עס וועט לאנג ניט נעהמען, דאס דער גאנצער קלאוקס טרייד דא אין שטאדט וועט זיין הונ־דערט פראצענט ארגאניזירט.

„לעצטען דינסטאג אבענד איז אפגע־האלטען געווארען א געמיינשאפטליכער מיטינג פון דער נייער און אלטער עק־זעקוטיוו באארד, ביי וועלכען ברודער האלפערן, וויס־פרעזידענט פון דער אינ־טערנעשאנאל און ברודער גאלדבערג, דער נייער ארגאנייזער וואס די אינטער־נעשאנאל האט געשיקט אהער, זיינען אנוועזענד געווען. דער מיטינג איז גע־ווען א באגייסטערטער, די מעמבערס פון דער עקזעקוטיווע פיהלען, דאס נייע צייטען קומען אן און זיי האבען אלע פאר־שפראכען צו העלפען דעם נייעם ארגא־נייזער מיט אלעס, צו מאכען דאס ביז דעם אנקומענדען סיזאן זאל זיך ניט גע־פינען קיין איין ארבייטער, וואס אר־בייט ביי קלאוקס און זאל ניט זיין קיין מעמבער פון דער יוניאן.

„בר. גאלדבערג איז א נייער מענש פאר באלטימאר אבער שוין א גאנץ אל־טער טוער אין דער אינטערנעשאנאל. ער איז געווען פאר א לאנגער צייט דער מענעדזשער ביי די מאנטרעאלער קלאוק־מייקערס. ער האט א גאנץ גוטען רע־קארד אלס א פעהיגער ארגאנייזער און צוזאמען מיט בר. ברייטשטיין, דעם יעצ־טיגען ביזנעס־איידזשענט, און אלע אנ־דערע אקטיווע מעמבערס, וועט לאנג ניט נעהמען, דאס די באלטימארער קלאוקמייקערס וועלען האבען הונדערט פראצענט יוניאן און מענשליכע קאנדי־ציאנען אין די שעפער".

דריטער פערטעל־יעהרליכער מיטינג פון אונזער דזשענע־ראל עקזעקוטיוו באארד

(שלוס פון זייט 1.)

נארמאן האפגוד, דער אומפארטייאישער טשערמאן פון דער באארד, האט רע־זיגנירט, נאך איידער די אונטערזוכונג האט זיך אנגעפאנגען, דערביי טאדלענ־דיג דעם פארשטעהער פון דער אסאסי־איישאן און אויסדריקענדיג זיין פולע איינשטימונג מיט דער שטעלונג, וואס פרעזידענט שלעזינגער האט גענומען אין דער פראגע.

דאס גלייכען וועלען אויך מאכען פון אונזערע וויס־פרעזידענטען באריכ־טען פון דער טעטיגקייט אין דער לעצטער צייט.

וויס־פרעזידענט האלפערין וועט האבען א באריכט פון דער טעיגקייט פון דעם אינטערנעשאנאל ארגאניזאצי־אנס־דעפארטמענט אין דער איסט, פון וועלכען ער איז דער מענעדזשער.

וויס־פרעזידענט זיידמאן וועט הא־בען צו באריכטען פון זיין טעטיגקייט אין טאראנטא און אין מאנטרעאל, קע־נעדע. ער וועט דערצעהלען וואס עס איז שוין אויסגעטאן געווארען און וואס מען דארף נאך טאן צו פארשטארקען די יוניאן אין יענע שטעדט.

וויס־פרעזידענט רייזבערג וועט באריכטען פון דעם ארגאניזאציאנס־קאמפיין ביי די וויסט און דרעסמאכער אין פילאדעלפיע.

וויס־פרעזידענט סקולמאן וועט בא־ריכטען וואס עס טוט זיך אין שיקאגא און אומגעגענד.

וויס־פרעזידענט פערלשטיין וועט באריכטען פון די אלע לעצטע קאנפע־רענצען מיט די באלעבאטים אין קליוו־לאנד, וואס האט געפיהרט צו די בא־נייאונג פון אגרימענט.

וויס־פרעזידענט מאנעסאן וועט בא־ריכטען פון דער ארגאניזאציאנס־אר־בייט אין באסטאן און אומגעגענד, און אזוי ווייטער.

קורץ, עס וועט זיין זעהר א וויכ־טיגער און העכסט־אינטערעסאנטער מי־טינג.

בראנזוויל עפענט אן עדיוקיי־שאנאל צענטער

די בראנזווילער יוניאנס און קאאפע־ראטיווע סאסייעטי האבען אויף דער איניציאטיווע פון דעם ארטיגען לייבאר לייסעאום ארגאניזירט א פארום און אויסגעארבייט א ברייטען, אינטערע־סאנטען פלאן פון קולטור ארבייט. גענ. שיפלאקאף איז ערוועהלט געווארען אלס דירעקטאר פון דעם געגרינדעטען עדיו־קיישאנאל סענטער.

אנפאנגענדיג דעם 3טען יאנואר וועט יעדען מיטוואך געגעבען ווערען א גרויס־ארטיגער פרייער קאנצערט פון דער „איווינינג מייל". יעדען פרייטאג אווענט, אנפאנגענדיג דעם 5טען יאנואר, וועט געגעבען ווערען א לעקטשור אין ענגליש, און יעדען זונטאג עלף א זייגער אינדער־פריה פון דעם 7טען יאנואר אן וועט גע־געבען ווערען א אידישע לעקטשור.

נאך יעדער לעקטשור וועלען פאר־קומען דיסקוסיעס און א קאמפעטענטער דיריגענט וועט לערנען די פארזאמעלטע ארבייטער זינגען פאלקס לידער.

צוויי אווענטען אין וואך וועט דער גרויסער האל פון דעם לייבאר לייסעאום זיין פארנומען מיט בעסקעט באל, טאנץ קלאסען און גימנאסטיק.

אט, ווי איהר זעהט וועט דער קול־טור־צענטער ווערען אן אמת'ער צענ־טער פון אינטערעס, אמיוזמענט, און בילדונג פאר דער גאנצער בראנזווילער יוגענד. און ווי גענ. שיפליאקאף גיט אונז איבער, וועלען נאך פילע אינטער־רעסאנטע נייעס איינגעפיהרט ווערען אין דעם נייע געגרינדעטען עדיוקיישאנאל סענטער.

קלאוק פרעסערס יוניאן
לאקאל 35

רעגעלע סעקשאן מיטינגען
וועלען אפגעהאלטען ווערען
מאנטאג אווענט, דעם 8טען יאנואר
אין די פאלגענדע פלעצער:

די ניו יארקער פרעסער וועלען מיטען אין „פארווערטס" האל, 175 איסט בראדוויי.

די בראנזווילער פרעסער וועלען מיטען אין לייבאר לייסעאום, 229 סעקמאן סטריט.

אויף די מיטינגען וועלען פארהאנדעלט ווערען זעהר וויכטיגע פראגען. לאזען אלע מיטגלידער קומען צו די מיטינגען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 35
דזש. ברעסלאו, מענעדזשער.